פירצעגטער יארגאנג
№ 52
Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.
ערשטע אלעע 6, — טעלעפאן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek 27 grudnia 1935 | ליכט-צינדען 3.07 | פרייטאג פ׳ מקץ ב׳ טבת תרצ״ו

Bibljot. Jagiellońska Kraków Św. Anny 19

פיעל ברכות און א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער שוועסטערן-זוהן
לעאן ראזענפעלד צו זיין תנאים מיט פרל. **הינדע פראיער** פון לאדז.
די עלטערן — פיעל נחת.
יודל פייפער און פאמיליע.

Z intencji zaślubin kolegi naszego SZ. JELENIA z p. MANIĄ RUBINSZTAJN życzymy wiele szczęścia

Wł. Najmark, Zygmunt Widawski,
Wł. Sznigielman.

EDZIA GOMOLIŃSKA
HENRYK SZAJA
ZARĘCZENI
Wieluń w grudniu 1935 r. Łódź

Z intencji zaręczyn bratanka i kuzyna naszego HENRYKA SZAJI z p. EDZIĄ GOMOLIŃSKĄ z Łodzi życzą wiele szczęścia i zadowolenia

Wieluń-Łódź Ch. Hajdowie i Synowie

Koledze naszemu HENRYKOWI SZAJI z okazji zaręczyn z p. EDZIĄ GOMOLIŃSKĄ życzą wiele szczęścia

Wieluń Leopold Zajdeman
F. Burakowski

אונזער ג׳ מיטרעדאקטאר ה׳ **צבי שאיא**
צו זיין פערלאבונג מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא** פון לאדז
ווינשט א הארציגען מזל-טוב
רעדאקציע „וויעלונער צייטונג".

ברכתינו הלבביות לבן אחינו ולרענו **צבי שאיא**
לבואו בברית האירוסין את העלמה **יאדזיא גומולינסקא**
רגיה ויוסף שאיא.

א סך גליק צו די תנאים פון ה׳ **צבי שאיא** מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**
ווינשען: בער קושעפיצקי און פרוי
יחיאל מאיר יאקובאוויטש און פרוי
משה יודקעוויטש און פרוי.

מזל-טוב צו די תנאים פון ה׳ **צבי שאיא** מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**
ווינשען:
בער בערקאוויטש און פרוי, גוסטאוו גלאצער און פרוי

אונזער שוועסטערן-זוהן **צבי שאיא** מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**
ווינשט פיעל גליק און צופרידענהייט
הערש קליין פרוי און קינדער.

את חברנו הנכבד, חבר הועד, **צבי שאיא** לרגלי ארושיו את בחירת לבבו
עדזיא גאמאלינסקא מלודז, הננו מברכים בברכת מזל-טוב לבבית.
מי יתן ויזכו לבנות את ביתם לתפארת על הרי ציון וירושלים.
הסתדרות הציונים הכללים, סניף בוילון.

Z okazji zaręczyn p. Henryka Szaji z p. Edzią Gomolińską, wiele szczęścia i pomyślności w życiu

Samuel Sztajer z Żoną, Józio Goldsztajn z Żoną
Rozenbaum z Żoną

צו די תנאים פון ה׳ **צבי שאיא** מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא** ווינשען פיעל גליק
משה פערעצאוויטש און פרוי, יצחק הערשבערג און פרוי
איכעל לאנדוי און פרוי, קויפמאן קרימאלאווסקי און פרוי

דער **פאמיליע שאיא** א מזל-טוב
צו די תנאים פון זייער זוהן **צבי** ווינשען
לייביש קושעפיצקי און פרוי
יחזקאל דאווידאוויטש און פרוי

חבר **הערשל** נעם אן אונזער הארציגען מזל-טוב
צו דיין תנאים מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**
גאדל פענדעראוויטש און פרוי
אהרן זעלקאוויטש און פרוי.

ברכות לבביות לארושיו של בן-אחינו **צבי שאיא** עם העלמה **עדזיא גאמאלינסקא**
שולחים
יעקב וקרולה שאיא

צו דער פערלאבונג פון **הערשל שאיא** מיט פרל **עדזיא גאמאלינסקא**
פיעל גליק און צופרידענהייט ווינשט
גיטל שאיא און מאן.

די הארציגסטע ברכות אונזער פערוואלטונגס - מיטגליד **הערשליק שאיא**
ווינשט
יוד. ספארט-פעראיין „מכבי" וויעלון.

פיעל גליק און צופרידענהייט צו די תנאים פון **צבי שאיא**
מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא** ווינשט
בער שאיא און פאמיליע

מזל-טוב צו די תנאים פון ה׳ **צבי שאיא**
מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**
משה קאניארסקי און פרוי, פייוויש סקושיניא און פרוי

פיעל גליק צו די תנאים פון חבר **צבי שאיא**
מיט פרל. **עדזיא גאמאלינסקא**
ווינשט **אשר מענדלעוויטש און פרוי**

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטערן-טאכטער און קוזינע
עדזיא גאמאלינסקא מיט ה׳ **הערשיל שאיא**
ווינשען פיעל גליק
אברהם משה לאנדסבערגער און פאמיליע

„קרן-היסוד"-קאמיטעט אין טשענסטאכאוו.

ראנערשטאג, ד. 2 יאנואר 1936 האלב 9 אווענד קומט פאר אין **קינא „לונא"**
צום 15-יעהריגען יובל פון קרן-היסוד" א פייערליכע

ארץ-ישראל-אקאדעמיע

אויף וועלכער ז׳ער הויפט-דירעקטאר פון דער „קרן-היסוד" וועלט - צענטראלע

לייב יפה (ירושלים) און רעד. **נ. גערבאווסקי** (ווילנא)

וועלען רעפערירען א. ד. ט.:

„ווען א לאנד ווערט געבויט — ווען א פאלק שטעהט אויף".

בילעטען צום פרייז פון 49 גר. ביז 1.50 צו בעקומען ביי ה׳ סאיקא (פאפירפאל) אלעע 30, י. וועקסלער אלעע 6, אבראמאוויטש אלעע 28 און פון 7 — אין קאסע.

Szkoła tańców
baletm. Kosteckiego
ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy, lekcje pojedyncze codziennie. Udzielam lekcji w zakładach naukowych i domach prywatnyc . Ostatnie nowości.

אכטונג: יעדען שבת קומט פאר א פראקטישע לעקציע
פאריזדישע געזעלשאפט. אנהויב 8 אוו. 1-קלאסיגע מוזיק

FARBIARNIA, i PRALNIA CNEMICZHA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2

10 גר. קאסט קראגענס מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאנץ | 40 גר. קאסט א העמד

אויך נעמען מיר אן בעמיש צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.
ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט

פרויען-פעראיין „וויזא" וויעלון.
31 ד. ח. 9 אווענד אין מכבי-זאל
קומט פאר
א קאפע - טאנץ - פערוויילונג
דער זאל איז דעקארירט. גוטער דזשאז-ארקעסטער.

ביליג! **תוצרת הארץ!** ביליג!
אלערליי **פאלעסטינער פאמעראנצען**
צום פרייז פון 1.60 א קילא בעקומט מען ביי:
דוד פעלטא, נארוטאוויטשא № 7

וויעלון! וויעלון
די בעסטע און ביליגסטע קוועלע פון
קויהלען
אין נייעם קויהלען-סקלאד פון
שלמה לאנדוי וויעלון שלאנסקא 1
אין טויער. אויפ׳ן מערלאנג שטעל איך אהיים.

Wyrazy głębokiego współczucia kol. HELENIE WARSZAWSKIEJ z powodu śmierci

b. p. **MĘŻA Jej**

składa

Zarząd Pow. Zw. Zaw. Księgowych
w Polsce, oddział w Częst.

ברכת מז״ט חמה ונלבבה לידידי בביתי ר׳ **אהרן יוסטמאן** נ״י לרגלי נישיאיו.
יהי עתידך טוב וצלחה וסוגה בשושנים על שדמות ציון וירושלים ברוח ישראל סבא.
נישט קענענדיג נעמען קיין אנטייל אין דיין שמחה שענגרע איך 5 זל. פאר דער הילפס-קאסע ביים פא״י.
שמואל זעלינגער ומשפחתו

Z intencji zaślubin przyjaciela mojego Benjamina Secemskiego z p. Manią Offmanówną, życzy wiele szczęścia i harmonji w życiu

Salek Goldberg

Z intencji zaślubin członka naszego **Benjamina** Secemskiego z p. Manią Offmanówną życzymy Im wiele szczęścia na nowej drodze życia

Zarząd R. K. S. „Błyskawica"

Głęboko wstrząśnięci śmiercią

b. p. **Arona Warszawskiego**

składają RODZINIE wyrazy najszczerszego współczucia

Wajnsztokowie, Aleja 20.

דעם ה׳ **חיים וועקסלער** צוליעב׳ן טויט פון זיין שוועסטער
שרה סאלאמאנאוויטש נ״ע
דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
ב. באטשאן און פאמיליע.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה׳ **אנשעל ווארשאווסקי** און פאמיליע צוליעב׳ן טויט פון זייער זוהן
אהרן נ״ע
בתוך שאר אבלי ציון תנחמו.
ב. באטשאן און פאמיליע.

לחברנו הכי יקר מר **שלמה פוקס** נ״י שו״ב דפה ולכל ב״ב יחי׳ משתתפים אנו מצומק הלב בצער של אבלם למות עליהם
אשתו ואמם נ״ע
ה׳ ינחם אותם בתושצ״ו ויהפוך להם ממספד למחול
המנחמים: **משה זנדר, נחום ברגמן, משה יוסף שנצר** שו״בים דפה.

Rodzinie Fuks
z powodu zgonu Ich Żony i Matki

b. p. **DOBRY**

wyrazy szczerego współczucia składają

M. Jarkowizna, J. Cymerman,
Sz. Frydman i Bracia Baum.

Wice-Prezesowi Zarządu p. **JOACHIMOWI WEKSLEROWI**
spowodu zgonu siostry Jego

b. p. Salomei Salomonowiczowej

składają wyrazy szczerego współczucia

Rada Nadzorcza i Zarząd
Banku Spółdz. Przemysłowców i Kupców
w Częstochowie.

ראַטעוועט דאס יודישע שפיטאָל.

עס איז איבריג צו בעטאָנען, אז איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס ביי אונז אין שטאדט איז דאס יודישע שפיטאָל, וועלכעס ברענגט היילונג און טרייסט צענדליגער און הונדערטער חולאים.

דאס יודישע שפיטאָל ליגט ביי אלעמען אויף די ליפען, אלע ווייסען און פיהלען, אַז ווען ס'זאָל חס ושלום נישט זיין קיין יודיש שפיטאָל אין אונזער שטאָדט וואלט עס ממש געווען אַנ'אומגליק, און דאָך איז מען גלייכגילטיג צו דעם ממש קאטאסטראָפאלען צושטאנד, אין וועלכען דאס יודישע שפיטאָל געפונט זיך.

אמת, יעדער מיט וועמען מען רעדט, אז דאס שפיטאל געפונט זיך אין א קריטישען צושטאנד, ווערט אויפגעציטערט און איז גרייט אלץ צו טהון כדי עס צו ראטעווען, פונדעסטוועגען בלייבט אָלץ ביים אלטען.

מען קאן אפילו נישט בעשולדיגען די יודישע בעפעלקערונג, ווייל אויב עס וואלט אייגגעאָרדענט געוואָרען אַ סיסטעמאטישע אָקציע, וואלטען זיי זיך גערן בעטייליגט, איז אָבער די צרה, וואס די אָנפיהרונג פון יודישען שפיטאל בעמיהט זיך נישט אין דער הינזיכט עפיס אויפצוטהון.

צו אונז אין רעדאקציע קומען צענדליגער מענשען, סיי אזעלכע, וועלכע עס קומט אויס צו ליגען אין שפיטאָל און סיי סתם שטאָדט-בעלי-בתים, וועלכע פאָדערן אונז אויף, אַז מיר זאלען עפיס טהון, כדי אַרויסצוראטעווען דאס שפיטאָל פון דעם דאָזיגען מצב. וואס קאנען מיר אָבער טהון? מיר קאנען דאך נישט אָנפיהרען מיט דער אָקציע, דעריבער טהוען מיר אונזער חוב און מיר שרייבען די דאָזיגע ווערטער, כדי צו בעוועגען די לייטונג פון יודישען שפיטאָל, אַז זיי זאָלען אָנהויבען אַ סיסטעמאטישע אָקציע, עס זאָל נישט זיין אַנ'איינמאָליגע בעשטייערונג, נאָר א סיסטעמאטישע אין משך פון גאַנצען יאָהר און קיין בעלנים וועלען בעשטימט נישט פעהלען.

מיר האלטען, אַז דאס שפיטאל מוז געראטעוועט ווערען. די ברייטע יודישע בעפעלקערונג וועט עס גערן אונטערשטיצען. עס דאַרף נאר קומען די איניציאטיוו פון דער לייטונג און דאס שפיטאל וועט ארויס פון איהר קלעם, ווייל — דאס שפיטאָל מוז געראָטעוועט ווערען.

ש.

מ. דיזענגאָף
(שטאָדט-פרעזידענט פון תל-אביב).

א לייכט-טורם פאר'ן פאָלק.

וואָס זאגט קרן-היסוד? איך בין 15 יאָהר אַלט. איך האָב געהאַט שלעכטע און גוטע טעג, צייטען פון זון — ליכט און בליהען און צייטען פון ירידה און ענטוישונג — אָבער תמיד שטעה איך אויף דער וואך, אומערמידליך און מאָך קיינמאָל נישט קיין שריט אויף צוריק. איך זאמעל די שטייערן פון מדינות פאר אונזער רעגירונג, וועלכע פיהרט-אָן מיט אַלע צווייגען פון דער קאָלאָסאָלער אַרבייט פון אויפבוי, און אויפלעבונג אין אונזער לאָנד. איך בין אַ געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע און די 5 מיליאָן וואס איך האָב געזאמעלט זייט איך עקזיסטיר זענען נאציאָנאלער קאָפיטאל וואס בעלאנגט אונזער נאַציאָנאלער היים. אָבער מיין עקזיסטענץ און ארבייט דערמעגליכען אויך דעם פריוואטען קאָפיטאָל און דער פריוואַטער איניציאַטיוו אַריינצולעגען זייער כח, ענערגיע און געלד אין לאָנדווירטשאָפט, אינדוסטריע און האָנדעל און צו געבען צו צעהנדליגער טויזענדער פון אונזערע ברידער א מעגליכקייט צו אַרבייטען און צו לעבען און אין דער זעלבער צייט אויך אויסברייטערען די גרעניצען פון אונזער אייגענס אין לאָנד.

איך זאמעל שטייער און ביישטייערונגען אין 60 לענדער אויף דער וועלט און קאָנצענטריר זיי אין רעעלע אינוועסטיציעס אין ארץ ישראל. אָבער אויך אין גלות איז מיין ארבייט זעהר פרוכטבאָר פאַר דער אויפלעבונג פון גייסט און אָרגאָניזאַציע פון פאָלק: אין אַלע ווינקלען פון אונזער גלות פערזאַמלען זיך ארום די קאָמיטעטען פון קרן היסוד די לעבעדיגע, ווירקזאַמע כחות פון אלע שיכטען פון פאלק און זעצען-פאָר די אַרבייט פאר דער אויפלעבונג פון דער אומה און פאַר דער פערווירקליכונג פון אונזערע היסטאָרישע אידעאָלען.

אין אונזער שווערער צייט, ווען ענטוישונג הערשט כמעט אין אָלע לענדער און דער פונדאָמענט פון דער געזעלשאפט און פון שטאטען וואקלען זיך, דיענט אונזער לאָנד, וואס ווערט אויסגעבויט דורך די אייגענע זיהן, אָלס לייכט-טורם פאר'ן פאָלק וואס זיצט נאָך אין דער פינסטער; ער שאפט די בריק צווישען גלות און לאנד, צווישען דער טרויעריגער געגענוואַרט און גלענצענדער צוקונפט, ער — דער קרן היסוד — אין יעדען אָרט און אין יעדער צייט.

איך ווענדע זיך צו יעדען מאן און פרוי פון פאָלק מיט דעם רוף: העלפט צו ענטוויקלען און פערגרעסערען דאס דאָזיגע וויכטיגסטע ווערק, וואס איז דער י ס ו ד פאר יעדער פראָדוקטיווער און קולטורעלער טעטיגקייט אין לאנד און פאר דער גאָנצער אויפלעבונגס-אַרבייט אין גלות.

זאָל זיך צווישען אונז נישט געפונען קיין איינער, וואס נעמט נישט קיין אָנטייל אין קרן-היסוד, ווייל אין ארץ ישראל האבען אלע יודען אָ חלק.

גריפע
פערקיהלונגען, רעאומאטיזם, ארטרעטיזם, פאדאגרע מאטערן ווינטער כמעט אלע מענשען. ביי דיעזע שמערצליכע לייד[ען] בענוצט מען טאגאל-טאבלעטקעס, וועלכע ברענגען א פערלייכטערונג די וועהטאגען.
פרייז 1.50 זל.
Togal

אַ פייערליכע יובל-אקאדעמיע פון „קרן - היסוד" אין טשענסטאָכאָוו מיט'ן אנטייל פון דיכטער ליב יפה.

דאָנערשטאָג, דעם 2-טען יאָנואַר 8.30 אָוונד וועט פאָרקומען אין קינאָ-זאָל „לונא" צום 15-יעהריגען יובל פון „קרן היסוד — אָ פייערליכע א"י-אקאדעמיע מיט'ן אָנטייל פון בעוואוסטען דיכטער, דירעקטאָר פון דער „קרן-היסוד" וועלט-צענטראָלע ה' לייב יפה אויס ירושלים און רעד. נ. גערבאָווסקי.

טשענסטאָכאָוו איז איינע פון די געצעהלטע שטעדט אין פוילען פון וועלכע ה' יפה האט בעוויליגט אָנצונעהמען די איינלאדונג פון אלע היגע ציוניסטישע גרופירונגען מיט'ן „קרן-היסוד"-קאָמיטעט און אונז מיט זיין בעזוך צו בעעהרען. מיר געדענקען נאָך דעם אָיינדרוק, וועלכען ה' יפה האט איבערגעלאָזט אין אונזער שטאָדט, בעת זיין בעזוך מיט 10 יאהר צוריק, פערוואנדלענדיג די טעג פון זיין אויפענטהאלט אין טשענסטאכאָוו אין אַנ'אמת'ן נאציאָנאלען יום-טוב.

יעצט איז ה' לייב יפה צום צווייטען מאָל געקומען קיין פוילען מיט דער זעלבער מיסיע: צו וועקען דאס יודישע פאָלק, כדי צו ערפולען זייער נאציאָנאלען פליכט פאר דעם בויענדען זיך ארץ-ישראל.

אויך רעד. נ. גערבאָווסקי איז ביי אונז נישט קיין פנים חדשות. ה' גערבאָווסקי איז ערשט נישט לאנג צוריקגעקומען פון ארץ-ישראל, וואו ער האט גענוי בעזוכט דאס בליהענדע לאנד און מיטגעבראכט פרישע איינדרוקען און בילדער.

עס איז מעהר ווי זיכער, אַז דאס גאנצע יודישע טשענסטאָכאָוו וועט אנוועזענד זיין אויף דער אימפאָזאַנטער ארץ-ישראל-אקאדעמיע און הארציג מקבל פנים זיין אונזערע חשוב'ע געסט.

וואס אויסקלויבען?

ער איז זיך פאמעליך געגאַנגען און זיך צוגעקוקט אין די שוי-פענסטער, זיך אָפּגעשטעלט, קריטיש אבגעשאצט די שעהנע רידיקולען, די זילבערנע פאַפיראָסען-שאַכטלען, בראָנסאָלעטקעס, זיידענע שאַלען. ער האט צוגעזאגט זיין פרוי צו ברענגען א שעהנע מתנה פון ווארשא.

אָביסעל פערמאָטערט פון לאַנגען ארומגעהן איבער די בעוועגליכע גאסען, איז ער אַריין אין א גרויסער קאווי-אַרניע, האט פערנומען א אָרט ביים פענסטער. ער האט זיך געשלאָגען מיט'ן געדאנק, טרינקענדיג מיט קליינע זופען די שווארצע קאווע: וואס קויפען? דאס איז שעהן, דאס איז שעהן, א אנדערע זאַך איז נאָך שענער... וואס אויסקלויבען, כדי צו פערשאפען א פערגעניגען דער פרוי?

ער האט פערוויכערט א פאַפיראָס און האט א קוק געטהון דורכ'ן פענסטער אויפ'ן גאָס. עפעס האט צוגעשמירט זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האט זיך גוט צוגעקוקט איינמאל און א צווייט מאל. ער האט צוגערופען דעם קעלנער, בעצאהלט און מיט דעצידירטע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו דער טהיר. ער איז אַרויס אויפ'ן גאָס, אַריבער אויף דער צווייטער זייט און האט זיך אויף א רגע פערהאָלטען ביי א שוי-פענסטער, וואו ער האט געזעהן ראָזע צעטלען, אויסגעלעגט אין א גלייכע רייהע. א לאָטעריע-קאָלעקטור. ער איז אַריין און האט זיך גענומען איין צעטעל פון די איהם דערלאַנגטע, האט בעצאהלט און א צופרידענער האט ער זיך געלאָזט גלייך צום הויפט-באַהן-הויף.

די פרוי האט אויפגענומען די מתנה אין פאָרם פון א לאָס פון דער מלוכה-לאָטעריע מיט א עטוואס געצוואונגענעם שמייכעל. אין משך פון עטליכע טעג האט אין שטוב געהערשט א נישט קלאָרע שטימונג, אָבער דער „מאַן" האט געגלויבט אין זיין מזל און האט נישט פערלוירען די גוטע שטימונג, פערזיכערענדיג זיין פרוי, אַז א גרויס אויפ'ן אַדרעס פון דער פאָרטונע איז דער געלונגענער שריט פאָראויס אין לעבען.

— לאָמיר ווארטען. איך גלויב, אַז דאס גליק וועט אונז טרעפען—האט ער בערוהיגט זיין פרוי. און ער האט זיך דערוואַרט. פון דער ווארשאווער קאָלעקטור איז אָנגעקומען א ידיעה, אַז אויפ'ן לאָס איז געפאַלען א געווינס פון 50 טויזענד זל.

— און וואס, איך האָב נישט געזאגט, ווער עס גלויבט אין דער פאָרטונע, דעם שפיעלט צו דאס גליק?

א חנוכה-אָוונד אין שטעדטיל

שוין פון אַ לענגערע צייט בעקום איך בריעף און ס'ווענדען זיך צו מיר אויך דעלעגאַציעס, וועלכע לאַדענען מיך איין צו בעעהרען מיט מיין פערזענליכע פערזאָן זייער שטעדטיל פ., וואס געפונט זיך אין טשענסטאָכאָווער פאָוויאַט, אויפצוטרעטען דאָרט מיט מיין ליטעראַרישען אינהאַלטסרייכען טאַלאַנטפולען טאלאנט, כדי די אָבגעשטאָרבענע קליינשטעדטילדיגע נישט-קולטורעלע מאסען זאָלען זיך קוויקען און בעקומען בעוואוסזיניגקייט.

א לענגערע צייט איז מיר געלונגען אונטער פערשיעדענע אויסריידען זיך ארויסצודרעהען פון זייערע הענד. אַזוי בין איך בעת די פאָהן-פייערונג, וועלכע זיי האָבען געפייערט, פונקט געווען פערררייזט, ביי דער עפנונג פון דער ביבליאָטעק האָב איך געהאט א תירוץ, אַז מיין שוועסטער האט תנאים געשריבען, ביז ענדליך זיי האָבען בעקומען מיין וואָרט, אַז אויף דעם חנוכה-אָוונד, וועלכען זיי אָרדנען איין, וועל איך בעוויליגען אָנטיילצונעמען.

בעקומענדיג דעם צוזאָג האבען זיי גענומען מאכען די נויטיגע הכנות, געדינגען דעם פייערלעשער-זאָל, ווייל ס'איז געווען א סכנה, אַז די געגנערישע פארטיי, דער „נוער הציוני", וועלכער גרייט זיך אויך פונקט דאמאלס איינצואָרדנען אַנ'אָוונד, וועט זיי דעם זאָל אויסכאפען. דאן האבען זיי אויך געוואָלט האבען אַ טשענסטאָכאָווער אָרקעסטער צום טאַנץ-אָוונד (פאקטיש איז די הויפט-אטראַקציע געווען דער טאַנץ-אָוונד, און איך האָב נאָר געזאלט עס פערריישען מיט א ביסעל ליטעראַטור).

שווער איז זיי אָנגעקומען צו דינגען דעם אָרקעסטער, ווייל שבת-חנוכה קומען-פאָר אין טשענסטאָכאָוו מעהרערע אָוונדען און פייערונגען, נאָר ווען זיי האבען דערלייגט נאָך א פאָר גילדען, איז זיי דאס געלונגען. און אָנגעזאָגט האט מען מיר, ווי אויך דעם אָרקעסטער, אַז מיר מוזען קומען מיט'ן ערשטען אויטאָ, ווארום דאס שטעדטיל האט שוין פערלוירען צו די אָרגאניזאַטאָרען דעם צוטרוי בנוגע אונזער קומען. ווי נאָר אָבער מען וועט אונז זעהען, וועלען זיי האָבען פאָוואָדזעניע.

קומענדיג צום אויטאָ אין דער בעשטימטער שעה, ערקלערט מיר דער שאָפער, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין פלאץ און אַז דער צווייטער אויטאָ געהט ערשט אָב אין 4 שעה ארום. האָב איך געוואָלט טאקע פאָהרען מיט'ן צווייטען אויטאָ, נאָר דערמאָנענדיג זיך אין די בריעף, וואס איך האָב בעקומען טאָג-טעגליך, אַז איך זאָל למען השם קומען צו דער ריכטיגער צייט — איך האָב מיך אויך דערמאָנט אין די רחמנות'דיגע אויגען, וואס די דעלעגאטען האָבען געהאט, בעת זיי האָבען וועגען דעם מיט מיר גערעדט, האָב איך איינגעשטעלט מיין לעבען אין מיט סכנות נפשות זיך אריינגעשטיפט אין אויטאָ, געשטאַנען מיט איין פיס אויפ'ן אונטערשטען שטיגעל, דערביי איינגעבויגען אין דרייען, און בין מיט מזל אָנגעקומען אין שטעדטיל פ.

צוזאמען מיט מיר איז אויך אָנגעקומען דער אָרקעסטער, וואס איז בעשטאנען פון 3 פערזאָן.

אָבגעוואַרט האט אונז ס'גאנצע שטעדטיל, און דערזעהענדיג, אַז מיר זענען באמת געקומען, זענען זיי זיך צולאָפען אָבוואשען, אָנטהון און זיך צוגרייטען צום גרויסען חנוכה אָוונד.

דערווייל זענען מיר אַריין אין אַ ספעציעל צוגעגרייט צימער, וואו מיר האבען זיך אַ ביסעל אָבגערוהט. באלד זענען אָבער אָנגעקומען די פאָרשטעהער פון דער אָרגאניזאציע, וועלכע האבען געבעטען דעם אָרקעסטער, אַז זיי זאָלען אויפשפילען עטליכע נומערן, מאָטיווירענדיג, אַז אַזוי ווי די געגנערישע פארטיי, וועלכע האט אויך איינגעאָרדענט אַנ'אָוונד, האבען פערשפרייט קלאַנגען, אַז דאס איז נישט קיין גוטער אָרקעסטער, לכן דאַרף מען אַלעמען איבערצייגען, אַז דאס איז טאַקע דער אמת'ער אָרקעסטער פון אָרקעסטער-לאנד. הערענדיג אַזאַ איבערצייגענדען מאָטיוו, האבען אונזערע קינסטלער אָנגעשטעלט די כלים און באלד האבען זיך אין דער שטוב געפונען א פאָר צעהנדליג פערזאָן און נאָך אַ פאָר צעהנדליג זענען געשטאנען אונטער די פענסטער.

איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אַז טראָץ דעם וואס די געגנער האבען געשלעפט מענשען אין די גאסען אויף זייער אָוונד, איז דאָך אונזער חנוכה-אָוונד געקרוינט געוואָרען מיט גרויס ערפאָלג, א דאנק דעם, וואס אונזער אָוונד איז פאָרגעקומען אין פייערלעשער-זאָל, און דאן איז דאָך געקומען צו פאהרען די „ליטעראַרישע קראפט" און אַנ'אָרקעסטער.

אויף דער ביהנע געפונט זיך אין איין זייט דער „בעריהמטער" אָרקעסטער פון דער צווייטער זייט דער בלוי-ווייסער פאָהן און אין מיטען שטעהט אַ טיש, אויף וועלכען עס שטעהט זיך אַנ'אַכט-רעהריגע חנוכה-לאָמפ, אָנגעצינדען אלע 8 ליכטלעך. ווען איך האָב אויפמערקזאָם געמאכט, אַז היינט איז ערשט דאס צווייטע חנוכה-ליכטעל, האט מען מיר געזאָגט, אַז ווען אַלע ליכטלעך ברענען, מאכט עס מעהר עפעקט...

דער פאָרזיצער עפענט דעם אָוונד און הייסט דעם אָרקעסטער שפילען דעם פוילישען און יודישען הימן. דאָן בעקומט דאס וואָרט די „ליטעראַרישע קראַפט". איך קוק זיך אַרום אין זאָל און זעה, אַז נישט בלויז דער פּאַרטער איז פול, נאָר אויך די גאַלעריע איז געפאַקט און בעת איך האָלט אין מיטען דערצעהלען א הומאָרעסקע, הער איך ווי פון דער גאַלעריע גיט עמיצער א געניץ, מיין איך דאָך, אַז עס געפעלט זיי נישט, טויש איך די טעמאַ און דערצעהל אַ דראמאַטיש וויינענדיגע טראַגעדיע, נאָר די גאַלעריע געניצט ווייטער. רייס איך איבער און ווענד זיך צום פאָרזיצער, אַז מען זאָל בעזייטיגען פון דער גאַלעריע די אוואַנסוריסטען, וועלכע זענען געקומען ספעציעל שטערען. דערצעהלט מען מיר, אַז זיי געניצען, ווייל זיי זענען שקצים און פערשטעהען נישט, וואס מען רעדט, און איבערהויפט אינטערעסירט זיי נישט מיין גאַנצע ליטעראַרישע קונסט, ווייל זיי ווילען זעהן בעסער טאַנצען און הערען מוזיק.

אויף מיין פערוואונדערונג, פון וואַנען עס קומען שקצים אויף א יודישען חנוכה-אָוונד, ערקלערט מען מיר, אַז ביי זיי איז אַזאַ מנהג, איבערהויפט אין די לעצטע צייטען, גאַנצע מחנות קומען צוגעהן בייוואוינען, ווי אַזוי יודען ווייילען זיך, מוז מען זיי ארויפלאַזען אויף דער גאַלעריע, ווייל קוים לאָזט מען זיי נישט ארויף, וועלען זיי זיך וואַרפען מיט מעפער און עס וועט אויסברעכען א פאַגראַם. האָב איך איבערגעריסען מיין פאָרלעזען און געהייסען דעם אָרקעסטער שפיעלען און דער עולם זאָל טאַנצען. די אָרגאַניזאַטאָרען האבען אָבער מיט מיר נישט מסכים געווען, ווייל צווישען די געסט געפינען זיך אויך עלטערע מענשען, וועלכע זענען געקומען הערען בלויז מיך, און טאַמער וועל איך זיי נישט געבען דעם גאַנצען פראָגראַם, וועלען זיי זיך בעליידיגען און צוריק פאָדערן דאס געלד פאַר די בילעטען. הקיצור, מען האט געמאַכט א פשרה, אַז דערווייל זאָל מען טאַנצען, כדי די גאַלעריע זאָל זיך נישט נודזשען. און צווישען איין טאַנץ און דעם צווייטען, זאָל איך דערווייל לעזען, דעקלאַמירען, זאגען, מיט איין וואָרט—זיי געבען גייסטיגע שפייז.

אזוי האט מען זיך אַדורכגעמוטשעט ביז שפעט אין דער נאַכט, אַביסעל געטאַנצט און אַביסעל דעקלאַמירט, געטאַנצט און געזונגען. פלוצים ווערט פינסטער. די עלעקטריע איז פערלאַשען געוואָרען, ווערט א געפייפעריי, א טומעל. איך בין געווען זיכער, אַז אָט-אָט וועט געשעהען עפעס שרעקליכעס. עס איז אָבער אַלץ אַדורך בשלום. מען האָט געבראַכט נאַפט, לעמפ, שפעטער איז אויך געוואָרען ליכטיג. דער גאַנצער אָוונד איז אָבער פאָרגעקומען אונטער דעם פחד פון די גאַלערניקעס, וועלכע האבען זיך שפעטער אַראָבגעלאָזט אין זאַל אַריין, און איך בין אַוועק היטענדיג זיך די גאַנצע ביינער.

ערשט פיצר פאַרטאָג, ווען די שקצים זענען אַהיים געגאַנגען און איך בין שוין לאַנג געווען אַוועק שלאָפען, איז געקומען צו מיר א דעלעגאַציע, אַז איך זאָל למען השם שוין געהן אין זאַל אַריין, וואו כ'וועל קאָנען אויספאַקען דעם נישט פערענדיגטען פראָגראַם צוליעב דער שטערונג פון די שקצים. און שטעלט אייך פאָר, אַז איך האָב געטראָפען נאָך אַלע געסט, וועלכע האבען מיט געדולד און אויסדויער געוואַרט ביז זיי וועלען זיך דערקוויקען מיט דער שפע פון מיין גאָט-געבענשטען טאַלענט...

אויף דעם אָוונד אין שטעדטיל זענען אויך געקומען געסט פון די ארומיגע שטעדטלעך, פאָהרענדיג צו 15 אָדער 20 קילאָמעטער אויף פיהרען אָדער שליטענס.

אזוי האָב איך זיך אַדורכגעמוטשעט אַ גאַנצע נאַכט, בעווייזענדיג מיין טאַלאַנט אין אַזאַ אַטמאָספערע.

אַוועקפאָהרענדיג האבען מיך די איניציאַטאָרען בעגלייט און מיר געדאַנקט פאַר מיין קומען צו זיי, וואס וועט זיי פערבלייבען לאַנג אין זכרון. דער עיקר זענען זיי מיר דאַנקבאַר, וואס זיי איז געלונגען צו ברענגען די „ליטעראַרישע-קראַפט" און דעם אָרקעסטער, און זיי האבען אָנגעלערגט זייערע פאַרטיי-געגנער, וועלכע זענען געבליבען פערשעהמט און געהאַט דעם אמת'ן דורכפאַל...

סמאַל.

משה אש

די ערשטע חברות און אינסטי-טוציעס אין טשענסטאכאוו

.III

הקדש

זייט דעם יאהר 1840 האט דער „הקדש“ אויפגעהערט צו דיענען בלויז פאר פרעמדע ארימעלייט און געווארען א שפיטאל פאר אלע עפידעמיש-קראנקע יודען. לויט א פעראָרדנונג פון דער מאכט איז יעדער קריסטליך-עפידעמיש-קראנקער איבערגעפיהרט געווארען אין ניי-אויפגעבויטען שטאדטישען שפיטאל, וואס שטעהט נאך ביז היינט אין דער צווייטער אלעע, דאגעגען א יוד—אין „הקדש“. די אויפזיכט איבער די יודישע חולאים איז דורכ׳ן מאגיסטראט איבערגעבען געווארען דעם ד״ר אדאלף שטערן (א יוד).

צו יענער צייט איז פערבאטען געווארען פרעמדע יודען (נישט היע-געבוירענע) צו וואוינען אין טשענסטאכאוו, דעריבער האבען זיך א גרעסערע צאהל יודען נישט איינגעמאלדען אין מאגיסטראט, בכדי נישט צו פערלירען זייער וואוין-רעכט.

געוואוינט האט דאמאלס אין אונזער שטאדט א יוד מיט׳ן נאמען שלום אהרן יאנעווער, וועלכער האט אנגעטהון די היגע יודען גרויסע צרות. ווי נאר ער איז געוואויר געווארען וועגען א פרעמדען, וואס איז נישט איינגעמאלדען, האט ער גלייך וועגען דעם צו וויסען געטהון וואו מ׳דארף, און דער בעטרעפענדער איז תיכף אויסגעוויזען געווארען פון דער שטאדט. אויך די יודישע סוחרים האבען נישט וועניג פון איהם געליטען. יעדען טאג האבען זיי געהאט קאנטראלעס פון מאגיסטראט אויף פאטענטען, וואגען, מ׳האט נאכגעקוקט צי די סחורות זענען גע-צאלט א. ד. גל., און דאס אלעס איז געוועזן א רעזולטאט פון שלום אהרונ׳ס מסירות. נישט איינמאל האבען די סוח-רים צוליב זיינע מסירות געוואלט איהם אנלערנען. זיי האבען אבער נישט דערצו געהאט קיין געלעגענהייט. אומ-געריכט אבער איז שלום אהרן זיי גע-פאלען אין דער האנד אריין:

אין א זומערדיגען שבת נאכמיטאג, נאכדעם ווי שלום אהרן האט זיך גע-האט גוט אנגעגעסען מיט די שבת׳-דיגע מאכלים און נאכגעטרינקען עט-ליכע פלעשלעך קאלט ביער, האט ער בעקומען בויך-שמערצען. זיין פרוי, הערענדיג איהם קרעכצען, האט גלייך געשיקט נאך דעם איינציגען יודישען פעלדשער העפטלער, ער זאל קומען ראטעווען איהר מאן. העפטלער האט געזעהען, אז דאס איז נאר א צייטווייליגער שמערץ, וואס איז געקומען פון צופיעל עסען און וועט באלד איבער-געהן. עס האט איהם אבער אויפגע-בליצט א געדאנק... און ער האט בע-פוילען גלייך צו שיקען נאך דעם דאק-טאר שטערן. ווי-נאר דער דאקטאר איז געקומען, האט העפטלער מיט איהם אבגעהאלטען א קאנסיליום אין צווייטען חדר, און עס איז בעשלאסען געווארען שלום אהרנ׳ען מאמענטאל איבערצופיהרען אין „הקדש“ צוליעב די... כאלערע-סימנים, וואס האבען זיך ביי איהם בעוויזען. עס האבען נישט געהאלפען די בקשות און תחנונים פון חולה, אז מ׳זאל איהם לאזען אין דער היים, עווענטועל איבערשיקען אין שטאדטישען שפיטאל, נאר אויף דער פעראָרדנונג פון ד״ר שטערן האבען עטליכע מאגיסטראט - בעדינער איהם גענומען אויף א טראג-ברעט און אי-בערגעפיהרט אין הקדש. די שמערצען זענען נאך א קורצער צייט אריבער. ער האט אבער געהאט גרויס „כבוד“— עס האבען איהם מבקר חולה געווען אלע יודען, וועלכע ער האט נאר שלעכטס געטהון און זיי האבען איהם אריינגעהאקט „מלקות“, זאגענדיג דער-ביי: על חטא שחטאת בטומאת שפתים ועל חטא שחטאת בלשון הרע...

שלום אהרן האט געמאכט גרויסע יעלות, געשוואוירען ביי ווייב און קינ-דער, אז מהיום והלאה וועט ער שוין גוט און פרום זיין, פעררירכטען אלע עוולות, וואס ער האט נאר וועמען גע-טהון, און ערשט דאמאלס איז ער בע-פרייט געווארען פון הקדש.

שלום אהרן האט אבער זיין שבועה נישט געהאלטען. גלייך צומארגענס איז ער געגאנגען אין מאגיסטראט און ער האט דערצעהלט וועגען דעם שטי-קעל, וואס דאקטאר שטערן מיט׳ן פעל-דשער העפטלער האבען איהם אבגע-טהון און וואס ס׳האט מיט איהם פא-סירט אין הקדש. צוליב דעם איז, דאק-טאר שטערן אבגעשטעלט געווארען אויף א יאהר אלס אמטליכער דאקטאר. דער הקדש האט אויפגעהערט צו דיע-נען אלס עפידעמיש-שפיטאל פאר יודען, און אלע קראנקע אהן אויסנאהם זענען איבערגעפיהרט געווארען אין שטאד-טישען שפיטאל.

א יאהר שפעטער איז שלום אהרן געשטארבען. די יודישע בעפעלקערונג האט אלס נקמה איהם געמאכט א לויה, אזוי ווי עס געהער צו זיין... איינער פון די היגע לצנים האט איהם אויפ׳ן בית-עלמין מספיד געווען זאגענדיג: אט דאס האט דער פסוק געמיינט: מיט׳ן ונתתי שלום בארץ, אזוי ווי נאר דער קברן האט שלום אהר׳ענען אריינגע-לעגט אין דער ערד ואין מחריד—דארף שוין מעהר קיינער נישט ציטערן, ווייל דער מסור איז שוין מעהר נישטא...

א. וויעוויורקא *)

עבירה.

רבי! כ׳וועל אייך פרעגען א שאלה. די גרעסטע לומדים האב איך זי גע-פרעגט, און קיינער האט זי מיר נישט געענטפערט. טאטע-מאמע האבען עס מיר, פון קינדווייז אן, מיט גענוג קלעפ און קללות, גענעבען צו פערשטעהן און דאך קען איך עס נישט פערשטעהן.

וואס איז אן׳עבירה?

רבי, הרג׳עט מיך, שחט מיך—איך פערשטעה עס איז!...

אז איך בין קליין געווען, האב איך גערעכענט, אז אן„עבירה“ איז עפעס א שלעכטער רבי און די גאנצע וועלט איז זיין חדר-יונגעל... נאר, היינט זעה איך, אז דאס איז גאר א שרעקליכער גזלן, וועלכען איך קען גאר נישט פער-שטעהן...

קוקט מיך נישט אן ווי א משוגע׳-נעם; אמת, איך בין נאר א שוסטער-יונג און קלאפ די קאפעטע פון דער פריה ביז ביינאכט, פונדעסטוועגען, נישקשה, געהירען אין קאפ האב איך געלויבט צו גאט!...

רבי! איהר זייט דאך א יוד א תלמיד-חכם, זאגט מיר דאך: וואס איז אנ׳-עבירה?

אז איך בין נאך א קליינער „פעמ-פעק“ געווען. האב איך שוין דאס ווארט געהערט פון מיין מאמע, א ליכ-טיגען גן-עדן זאל זי האבען. אז איך האב זיבען יאהר געהאט האב איך שוין געפיהלט דעם עונש פון אן׳עבירה: איינמאל, שבת, האט מיר א קליינער כפרה׳ניק, א שייגעץ, געווארפען זעקס שטיינער, איך האב איהם צוריק גע-ווארפען איינעם, האט מיך דער טאטע עליו-השלום, געטאשטשעט דערביי און האט מיר שיעור, א האלב אויער אבגע-ריסען...—ס׳איז, האט ער געזאגט: אן׳עבירה; א יוד, טאר שבת נישט ווארפען קיין שטיינער, אז ער האט מיר געווארפען זעקס שטיינער און מיך צע׳דמ׳ט איז נישט קיין עבירה, אז איך האב איהם צוריק געווארפען איינעם, אפשר נאר א האלבען—נא דיר אן׳עבירה!...

אז כ׳האב זיך אמאל שבת געגליטשט, האט מיר דער רבי די אדערען גע-טרייבערט. ס׳איז אן׳עבירה, האט ער געזאגט, און אז כ׳האב איהם אמאל געפרעגט: נו וואס שאדט, אז ס׳איז אן׳עבירה?... האט ער מיר געענט-פערט, אז פון מיינע אויגען שיינט נישט קיין גוטס...

וואס איז דאך אן׳עבירה?!

מילא, דאמאלס האב איך גערעכענט, אז כ׳בין צו יונג און קליין, אז כ׳זאל עס פערשטעהן. די מאמע האט מיר אויך אזוי געזאגט. אבער היינט, בין איך שוין, ווי זאגט מען עס אין דער הגדה: „הרי אני“, איך בין שוין אכט און צוואנציג יאהר... און איך זאג אייך, רבי, איך פערשטעה נישט!...

און די שאלה לעכערט מיר דעם קאפ ווי מיט טויזענד נאדלען: דאס ווארט „עבירה“ יאגט מיך אזוי לאנג ווי כ׳לעב! ס׳האט זיך צו מיר צו-געקלעבט ווי א שטיק סמאלע צו די הויזען, במחילה, און ס׳לאזט מיך נישט לעבען: וואס כ׳האב נאר אמאל גע-וואלט טהון, צו וואס כ׳האב זיך נאר צוגעריהרט, האב איך שטענדיג געזע-הען דערויף אויפגעקלאפט א בלעכעל מיט׳ן אויפשריפט: „עבירה!“...

רבי, דאס ווארט האט מיך גע׳ממית׳ט!

כ׳האב די מעשה קיינעם נישט דער-צעהלט: איך שעהם זיך; און אפשר איז עס טאקע נישט שעהן. ווייס איך?

איך בין דאך נאר א פראסטער שוס-טער-יונג!... נאר אייך, רבי ווילל איך דערצעהלען, וואס אט א דאס קליינינ-קע ווארט האט מיר אנגערייצט...

איך בין נאך דאמאלט געווען א יאלד פון קוים נייגצעהן יאהר און גע-ארבייט ביים טאטען, עליו-השלום. מיר האבען דאמאלס געוואוינט ביי אברהמ׳ל קצב. נעגענאיבער אונז האט געוואוינט שמואל שניידער. כ׳מיין נישט אזוי שמואל שניידער, ווי זיין טאכטער עטיל, איהר נשמה זאל אין גן-עדן רו-הען... רבי, דאס איז געווען א בתולה א גאלד! זייט נישט בייז, רבי, כ׳מיין נישט צו רעד׳ען קיין עזות, נאר, כ׳זאג די גאנצע וואהרהייט... איז מיין נאמען נישט הירש-בער צו דאס איז א ליגען!...

על-כן, וואו האלט איך דאס? יא, עטיל... כ׳זאג אייך דעם אמת. הייליגער רבי, אז כ׳האב זעהר גערן גע-זעהן, אז עטיל איז אמאל אריינגעקו-מען צו אונז זיך בארגען א לאקשען-ברעט, אדער עפעס אנדערש... כ׳האב דערפון געהאט א הנאה, ווי הייסט א הנאה נו... נו... כ׳האב פשוט גאט גע-בעטען זי זאל אריינקומען!...

רבי, ס׳איז גאר קיין וואונדער נישט; איהר האט זי נישט געקענט, דאס איז נישט געווען קיין מיידעל—א מלאך, זאג איך אייך, איז זי געווען!... וואס זאגט איהר? כ׳זאל דערצעהלען דעם עיקר-המעשה? גוט.

איינמאל, פערנאכט, זיץ איך מיר אזוי און קלאפ אן א פאר האלבע זוי-לען; אין שטוב איז קיינער נישט גע-ווען. ס׳איז פונקט געווען א מארק-טאג, קומט עטיל אריין כ׳זאל איהר א מאס נעהמען אויף א פאר קאמאשען... זי האט זיך געזעצט און אראבגענומען איהר קאמאש, איך זאל איהר א מאס נעהמען... רבי! כ׳ווייס נישט, כ׳גע-דענק נישט, צו בין איך איינגעשלא-פען, ווען כ׳האב איהר פיסעל אין האנד געהאלטען, צי כ׳בין שכור גע-ווארען... כ׳געדענק נאר, ווי פלוצלינג, האב איך געפיהלט א זעץ אין קאפ פון טאטען עליו השלום, וועלכער איז פונקט אריינגעקומען... רבי, מיין זעץ אין קאפ איז גארנישט, נאר זי האט ער ארויסגעווארפען און אויף איהר געשריגען: „חצופה!“...

איך בין דאמאלס גרייט געווען אלע קאפעטעס דעם טאטען אין קאפ צו ווארפען!... איך האב מעהר ביים טא-טען נישט געוואלט ארבייטען. א פייער האט אין מיר געברענט; ווי האט ער זיך אונטערשטאנען זי ארויסצוווארפען?!... נאר דא האט זיך אריינגע-מישט שמואל דער ישיבה-בחור, וועל-כער האט דאמאלס ביי אונז געגעסען „א טאג“ (שמואל׳ן, האב איך ליעב געהאט, און נאך היינט אויך—ער איז נישט קיין גנב!) און האט געמאכט א שלום צווישען מיר און מיין טאטען, דער טאטע האט ער געזאגט, איז גע-רעכט געווען דאס איז אן׳עבירה“; א יודיש קינד טאר אזעלכעס נישט טהון... איך האב מיט אמאל דאמאלס געפיהלט וואס פאר א שרעקליכער גזלן דאס ווארט איז... א גזלן! זאג איך אייך, א מערדער!

וואס זאגט איהר? כ׳זאל נישט אזוי קלאפען אין טיש אריין? רבי, נישט איך קלאפ, מיינע צרות קלאפען!... אדרבה, הערט!—

איך האב געמוזט צוקוקען ווי מ׳האט זי צו דער חופה געפיהרט!... (איהר מוזט וויסען, רבי, אז איך האב עטל׳ען געוואלט נעהמען פאר א כלה, נאר מיין טאטע האט געזאגט, אז ער וועט א מיתה-משונה איינגעמען און דאס וועט נישט געשעהען, אז זיין זוהן זאל נעמען אזא „חצופה“!...)

רבי! אז איך בין דאמאלס לעבען געבליבען, ווייס איך נישט.

אזוי ווי זי איז ארויסגעלאפען, האב איך דייטליך געזעהען, אז די גאנצע שטוב איז פול אט מיט דעם קליינעם גזלן. איך האב געפיהלט ווי די „עבירה“ קריכט אויף זי׳ ווענד... דאס גאנצע ווערקשטעל האט ביי מיר אויסגעקוקט ווי אן׳עבירה... די קאפעטעס—אן׳עבירה, די שטיפטען—עבירות... הענג זיך! וואו דו ווילסט—דוקא עבירה!...

איז אנ׳עק!... איך בין ביי דער שוהל געשטאנען און געקוקט... און ד׳ כלי-זמרים האבען מיר אין די אויערען אריין געשפיעלט: עבירה... עבבירררה... עעעבבבירררררה... איך בין דערנאך קראנק געווארען, און מיין מאמע האט מיר געזאגט, אז איך האב די גאנצע צייט געשריגען: עבירה!... די עבירה געהט!... איהר פערשטעהט, רבי, דער גזלן האט מיך אזוי געיאגט, אז ער האט מיך קראנק געמאכט... עפעס א דבוק האט זיך צו מיר צוגעקלעבט, און וואו כ׳בין געגאנגען, וואו כ׳בין

*) דער דאזיגער מאנאלאג איז פון די ער-שטע שאפונגען פון אונזער בן-עיר, דעם אקארשט פערשטארבענעם אין סאוויעט-רוסלאנד יודישען שריפטשטעלער, אברהם וויעוויורקע. א ברייטערע אבהאנדלונג וועגען איהם וועלען מיר געבען אין די ווייטערדיגע נומערן.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אין ווייבערישען קעניגרייך...

פאריאהרען חנוכה, ווען איך בין אהיימגעגאנגען שפעט ביינאכט, האב איך געטראפען ווי פון „מכבי“-זאל שיטען זיך ארויס א פאר הונדערט פרויען און מיידלעך. אויף מיין פראגע האט מען מיר געענטפערט, אז דאס געהען זיי פון א טעאטער-פארשטעלונג, וואס עס האבען געגעבען די קינדער פון דער בית-יעקב-שולע לכבוד חנוכה. דערביי האבען זיי זיך גארנישט געקאנט אבוואונדערען פון דעם, וואס זיי האבען געזעהן.

האב איך בעשלאסען דעם צווייטען חנוכה אויך צו זיין א צושויער פון דער דאזיגער טעאטער-פארשטעלונג, וואס עס ארדענט איין א רעליגיעז ארטאדאקסישע שולע. היות אבער ווי אויף אזא פארשטעלונג קענען נאר זיין בלויז פרויען, ווארום עס איז דאך נישט שייך, אז מענער מיט פרויען זא-לען זיצען בייזאמען, און היות ווי איך געהער צום מענליכען מין, איז מיר טאקע שווער אנגעקומען צו בעקומען די ערלויבניש צו בעזוכען די פארשטע-לונג. ערשט ווען איך האב צוגעזאגט, אז איך וועל מיך אוועקזעצען אין א ווינקעל נישט צוזאמען מיט די פרויען-געסט, האב איך אזא ערלויבניש בע-קומען.

דעם לעצטען זונטאג אין אווענד, צום דריטען חנוכה-ליכטעל, איז פאר-געקומען די חנוכה-פארשטעלונג. פונקט אין דער זעלבער צייט זענען אויך פארגעקומען אנדערע פעראנשטאלטונ-גען: די פארלעזונג פון ד״ר שעכטמאן, דאן האט געשפילט יודיש טעאטער, ס׳איז אויך געווען א פערזאמלונג פון די האנדווערקער א. א. וו. — איך האב אבער בעשלאסען אלע איבריגע פעראנשטאלטונגען אדורכצולאזען און בין בעסער אוועק אויף דער בית-יעקב-פארשטעלונג.

געקומען בין איך פונקטליך, נאר דער זאל ווי אויך דער באלקאן איז שוין געווען איבערפולט פון ווייבערי-שען מין. אלע פלעצער ביז צום לעצ-טען זענען פערנומען און אויך די דורכגענג זענען איבערפולט פון מענ-שען, פארדאן מיין איך – פרויען, וועלכע זיצען אדער שטעהן.

מיך, דעם איינציגען מאנספערשוין, האט מען זעהר פיין אויפגענומען, מיר צוגעטיילט א בענקעל און כ׳האב זיך אוועקגעזעצט אין דער זייט נעבען דער ביהנע.

אין זאל טראגט מען דערווייל ארום פערשידענע אויבסטען, ווי אויך שניט-קעס, כדי דער עולם זאל זיך ס׳הארץ דערכאפען, נאר אהן דער „פושיענטשע“ האט מען זיך אויך נישט געלאזט ס׳הארץ ענטגעהן, ווייל יעדע בעזוכערין האט זיך מיטגעבראכט פונדערהיים צידה לדרך און בעת דער גאנצער צייט פון דער פארשטעלונג, וועלכע האט זיך געצויגען ביז נאך חצות, האט מען געהאלטען קיין עין הרע אין איין קייען...

די ארדנערינס זענען יונגע מיידלעך פון די בנות, וועלכע האלטען ארדנונג, נאר מחמת די צושויערינס זענען גע-ווען פיעל מעהר, וויפיעל דער זאל קען אויפנעמען, איז במילא נישט גע-ווען קיין פולשטענדיגע ארדנונג, כאטש צווישען אונז זאל עס בלייבען, ווען אזא עולם וואלט זיך, למשל, אויפגע-קליבען אין יודישען טעאטער, וואלט געווען א כאאס...

נאכ׳ן דריטען קלינג עפענט זיך די פארהאנג און עס הויבט זיך אן די פארשטעלונג. ווי געוועהנליך, קומט פאר די צערעמאניע פון אנצינדען די חנוכה-ליכטלעך, וואס א מיידעלע האט געפראוועט, געמאכט, פיין א ברכה, אויף א סך אונזערע אינטעליגענטען געזאגט געווארען, דאן א קורצע רע-דע מענינא דיומא, א געדיכטעל ווע-גען נס חנוכה און עס הויבט זיך אן די אייגענטליכע פארשטעלונג, וועגען וועלכער עס האט פריהער געמאלדען א פארזאגערין.

געשפיעלט איז געווארען א דראמע אין 3 אקטען א. ג. „קאנטאניסטען“. ס׳ווערט פארגעשטעלט ווי אזוי אין די צייטען פון ניקאלאי דעם ערשטען האט מען געכאפט יודישע יונגלעך און זיי אבגעגעבען אין מיליטער, פריהער אבער האבען זיי געמוזט דיענען ביי די פויערים און ווערען פערשווארצט און פערפינסטערט. די דאזיגע יונגלעך האט מען גענייט צום שמד, א סך אבער זענען פערפייניגט געווארען און האבען זיך נישט געוואלט אונטערגע-בען.

די הויפט - ראלע האט געשפילט רחל׳ע שיוועק, און איך מוז אייך זא-גען, אז דאס קינד האט מיך בעגייס-טערט, אזוי פיעל פערשטענדניש. מיט אזוי פיעל הארץ און נשמה געזינגען, אז נישט ווילענדיג איז מען מיטגעצרי-ריסען געווארען און א טרעהר האט זיך בעוויזען אין אויג...

שעהן האבען אויך געשפילט דאס מיידעל עדעליסט אלס די מוטער, אי-בערהויפט אין לעצטען אקט און זעל-ווער אלס א פויערים-מיידעל. געטאנצט האט אויסגעצייכענט ראטענשטיין. מיט איין ווארט — די דראמע „קאנטאניס-טען“ איז אבגעשפילט געווארען ערשט-קלאסיג, און ווער שמועסט, ווען די רעזשי וואלט נאך געווען א בעסערע, וואלט דאס געווען א וואונדערבארע פארשטעלונג. דאן מוז געזאגט ווערען, אז די ביהנע איז געווען אויסגעשטעלט מיט פיינע דעקאראציעס (דעם יודישען טעאטער אין טשענסטאכאוו געזאגט געווארען). אויך די טעכניק איז געווען אהערגעשטעלט ווי געהעריג. אזוי, למשל, איז געווען איינגעארדענט, אז דער סופלאר-קאסטען האט געדיענט אלס ברונען, האט מען אריינגעלאזט א ליידיגע וויאדרע און ארויסגעשלעפט א פולע מיט וואסער; וואס דארפט איהר מעהר – אפילו היהנער זענען געווען אויף דער סצענע.

די ארטיסטען זענען געווען דרייסט און זיך געפיהלט פריי, און בעת עס איז פארגעקומען א שטארקע דראמא-טישע סצענע אדער בעת א טאנץ אדער געזאנג, ווען ס׳האבען זיך אנ-געהויבען צו שיטען באמבאניערעס אויף דער ביהנע, האבען די „ארטיסטקעס“ זיך נישט פערלוירען, נישט געכאפט די מתנות אפילו נישט געלייגט קיין אכט אויף זיי, נאר ווייטער זיך גע-האלטען אין די ראלען.

דאן זענען נאך פארגעקומען אנדערע אטראקציעס, ווי א טאנץ פון מאטרא-סען, א דיאלאג פון צוויי חבר׳טעס,

געשטאַנען האט ער מיר אַלץ געשושקעט אין אויער אַריין: עבירה... עבירה...

טאַטע-מאַמע זענען געשטאָרבען, און איך האָב מיר געקלאָפּט די פּאַדעשוועס איינער אליין... מיט קיינעם קיין וואָרט גערעדט, אויסער מיט מיין העמעריל, וועלכעס פלעגט מיר צוקלאַפּען אויף די פּאַדעשוועס א ניגון! עבירה... עבירה... עבירה...

איך האָב געזעהען, אז ס'איז נישט גוט מיט מיר; דער דבוק יאָגט מיך, האָב איך זיך גענומען אַרויסשלאָגען דאס וואָרט פון קאָפּ. און האָב אָנגעהויבען זאָגען תהלים... כ'האָב גערעכנט טאָמער וועט מיר גאָט העלפען... און אפשר וואָלט ער מיר טאַקי געהאָלפען — האט מיך אָבער דער גזלן נישט געוואָלט אָבלאָזען!—

און נאָך א מאָל איז מיר עטעל אריינגעקומען איך זאָל איהר א מאָס נעמען אויף א פּאָר קאַמאַשען... אַלץ אזוי גענוי געדענק איך נישט... איך געדענק נאָר ווי עטעל עליה-השלום האט געזאָגט: פּע! קושען א פרעמד ווייב... דאס טאָר מען נישט—ס'איז אַן עבירה... און איז ארויסגעלאָפען...

געוואַלד! אַזאַ מין גזלן, וועלכען איך זעה נישט און איך קען זיך נישט אויסהיטען פון איהם, איז דאָך ערגער פון א מיתה-משונה!...

געוואַלד! ווער איז דער גזלן?!..

איך האָב פרומע יודען געפרעגט, אַלטע לייט געבעטען, זיי זאָלען מיר גענוי ערקלערען וואס איז דאס אַן עבירה. יעדער האט מיר געענטפערט, און דאָך פערשטעה איך עס נישט...

און איך זאָג אייך, רבי, אַז קיינער פערשטעהט עס נישט...

ווי אזוי זאָל איך פערשטעהן? אדרבה, הערט אליין. מיט עטליכע וואָכען צוריק איז, נעבעך, עטעל נפטר געוואָרען... אז איך האָב דאס דערהערט, כ'האָב נישט געמיינט קיין שלעכטס, חלילה, אויף נאמנות, רבי!... איך בין געלאָפען צו איהר הויז... כ'מיין וואו „זי" איז געלעגען א טויטע... כ'האָב נישט געמיינט קיין שלעכטס, חלילה, אויף נאמנות, רבי!... איך האָב זי נאָר געוואָלט אָנקוקען... כ'האָב געוואָלט... כ'האָב געוואָלט... זיך די אויגען אויסרייסען... האט מען מיך נישט אריינגעלאָזט, ווייל כ'בין א „כהן". און דאס איז אַן עבירה... כ'האָב געזעהען א שוואַרצען וואָגען... א שוואַרצען... מ'האט זי אַוועקגעפיהרט... איך האָב געוואָלט צום קבר געהן... זיך אריינוואַרפען... צוהאַקען זיך!... צורייסען זיך... די האָר זיך פון קאָפּ פליקען... האט מען מיך נישט צוגעלאָזט... כ'בין א כהן—ס'איז אַן עבירה!... עבירה! עבירה! עבירה! אַלץ עבירות!!

רבי, איך האָב דאמאלס געוואָלט גאָט אַליין פרעגען! איך בין געלאָפען זיך ס'לעבען נעמען; דאס גאַנצע לעבען איז ביי מיר נישט ווערט געוועזען קיין צובראָכענער שטיפט!... האָב איך שמואל'ן געטראָפען, האָב איך איהם געזאָגט, כ'גיה זיך הענגען, כ'גיה זיך טרינקען... כ'וויל מעהר נישט לעבען! האט ער מיר נישט געלאָזט: א יוד, זאָגט ער, טאָר זיך נישט ס'לעבען נעמען—ס'איז אַן עבירה... איהר פערשטעהט?—נישט נאָר לעבען, נאָר אַפילו שטאַרבען, לאָזט נישט דער גזלן...

רבי! איך גלויב עס נישט, מ'נאַרט מיך!... אַלץ נאַרט מען מיך, אַלץ!... אַלץ א ליגען!...

וואס זאָגט איהר?—מ'טאָר נישט אזוי זאָגען, דאס איז אויך אַן עבירה?... שוין ווידער אַן עבירה!...

רבי! איך קען נישט רעדען... די טרעהרען שטיקען מיך... נאָר, הרג'עט מיך, שחט מיך, איך פערשטעה עס נישט!...

רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו.

– 3 –

דער בערדיטשעווער רבי לוי יצחק פלעגט שטענדיג אַליין בעדיענען זיינע געסט. ער פלעגט זיי ברענגען דאס עסען, מאַכען זייערע געלעגערס א. ז. וו. ווען מען האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס טהוט ער אַלעכע זאַכען וואָס בעדיענער קענען טהון, האט ער געענטפערט: „הכנסת אורחים איז אַ גרויסע מצוה, און מען דאַרף בעדיענען די געסט אָהן געצאָהלט. דיענער בעקומען בעצאָהלט, זייער בעדיענען די געסט ווערט דערפאַר נישט געטהון מיט יענער אינערליכער גוטהאַרציגקייט, מיט וועלכער מען דאַרף געסט בעדיענען, און די מצוה פון הכנסת אורחים ווערט פערלוירען".

דער בערדיטשעווער האָט נישט געזאָגט קיין מוסר צו קיין יודען, אָבער ער פלעגט ברענגען משלים, וועלכע האָבען געווירקט ווי דער שטאַרקסטער מוסר. מען דערצעהלט: איין מאָל איז ער געקומען אין אַ דאָרף, א קצב האט איהם געזעהן און האט איהם געפרעגט: „זענט איהר א שוחט, איך דאַרף זעהר נויטיג אַ שוחט צו שעכטען א בהמה". דער בערדיטשעווער האָט געענטפערט: „יאָ", און דער קצב האט איהם געפיהרט צום פלאַץ, וואו ער האט געהאַט צו שעכטען די בהמה. פאַר'ן שעכטען זאָגט דער בערדיטשעווער, אַז ער וויל קודם דאָס דער קצב זאָל איהם באָרגען צוועלף טאָלער, אַז נישט שעכט ער נישט. צוקאָכט זיך דער קצב: „ווי קען איך אייך לייהען געלד, אַז איך קען אייך גאָרנישט". „זעהסטו ווי נישט פּאַרזיכטיג דו ביזט — האָט דער בערדיטשעווער רבי געענטפערט — געלד ווילסטו מיר נישט לייהען, ווייל דו קענסט מיך נישט, און שעכטען דיין בהמה ווילסטו מיך לאָזען כאָטש דו קענסט מיך נישט, כאָטש דו ווייסט נישט צי איך בין טאַקי א שוחט און פרעגסט מיך גאָרנישט אין מיין קבלה. דו האָסט דאָך געקענט רופען אַ אונפּעראַנטוואָרטליכען מענשען שעכטען דיין בהמה, און דו וואָלסט אָנגעגעסען דעם עולם מיט טרפות". דער קצב האט אָנערקענט זיין טעות און פערשפּראָכען מעהר אַזוי נישט צו האַנדלען.

דער בערדיטשעווער האט שטאַרק געהאַלטען פון אָבהיטען דעם קערפּער און די מחשבות. ער האט געזאָגט: דער מענש דאַרף שטענדיג האַלטען זיין קערפּער ווי דעם קודש קדשים, אין וועלכען עס מאַניפעסטירט זיך די שכינה. אויב ער טהוט דאָס, וועט ער זיין אָבגעהיט פון זינדיגע נייגונגען. דער מוח פון מענשען איז ווי אַן ארון קודש, אין וועלכען מען לייגט אַריין די ספרי תורה. ווער עס נעמט אַריין זינדיגע מחשבות אין זיין מוח, איז ווי ער וואָלט אריינגעשטעלט געטשקעס אין קודש-קדשים. און ווען אַ מענש הויבט אויף זיין האַנד צו טהון עפּיס זאָל ער זיינע הענד בעטראַכטען אלס שליחים פון גאָט".

ער האט אַמאָל געהערט, אַז נישט רעליגיעזע יודען זענען פּראָאינטערעסירט אין ארץ-ישראל. האָט ער וועגען דעם דערצעהלט א משל:

אַ רייכער מאַן האט געזוכט א חתן פאַר זיין טאָכטער. האט איהם איינער געראָטען, אַז ער זאָל זי חתונה מאַכען מיט אַן אָרימען יונגען מאַן, וועלכער וועט פערשטעהן צו שעצען דעם נדן, וואָס ער וועט איהם געבען; ער האט אזוי געטהון. אָבער גלייך נאָך דער חתונה האט דער איידים אזוי פערנאַכלעסיגט זיין ווייבעל, אַז מען האט איהם געמוזט הייסען געהן. ער איז נאָך דערנאָך געקומען און ער האָט געבעטען דעם נדן, וואָס מען האט איהם צוגעזאָגט. האט דער רייכער שווער געזאָגט: „איך האָב דיר צוגעזאָגט נדן, אַז דו זאָלסט קענען בעזאָרגען מיין טאָכטער. אָבער אַז דו האָסט נישט געשעצט, נאָר פערנאַכלעסיגט מיין טאָכטער, קומט דיר נישט דער נדן". דער בערדיטשעווער האט דאַן דעם משל פערטייטשט מיט פאָלגענדען נמשל: ווען גאָט האט געוואָלט געבען די תורה פאַר אַ כלה, האט ער געזוכט פאַר איהר א חתן אַ פאָלק, וואָס זאָל זי שעצען. משה האט איהם געראָטען זי צו געבען צו אַן אָרים פאָלק, אָהן אַ לאַנד, וואָס וועט וויסען ווי זי צו שעצען. אַנדערע פעלקער, האט ער געזאָגט, האָבען גענוג לאַנד און זיי וועלען נישט שעצען דאס שטיקעלע לאַנד ארץ-ישראל, וואָס דו ווילסט געבען אלס נדן מיט דער תורה. גאָט האט געהאַנדעלט לויט משה'ס ראַט, און געגעבען די תורה צו די יודען, ווען די יודען האָבען פערנאַכלעסיגט די תורה, האט ער זיי אַרויסגעטריבען פון לאַנד. איצט ווילען יודען אָהן צוריקגעהן אָהן דער תורה, אָבער דער רבונו של עולם וועט צו זיי זאָגען: „איך האָב אייך געגעבען דאס לאַנד, כדי איהר זאָלט קענען ווייזען אייער שעצונג און ליבע צו דער תורה. און אויב איהר קימערט זיך נישט אין דער תורה, דאַן קענט איהר אויך נישט האָבען קיין שום רעכט אויף דעם לאַנד".

מען דערצעהלט אויך, אַז דער בערדיטשעווער האט געוואָרט אויף דאס באַלדיגע קומען פון משיח, בעזונדערס האט ער געוואָרט אין תשעה באב, ווייל ס'איז פערהאַן אַ לעגענדע אין תלמוד, אַז דער טאָג פון צושטערונג פון בית המקדש, דער טאָג פון טרויער תשעה באב וועט פערוואַנדעלט ווערען אין א טאָג פון פרייד, אין טאָג ווען משיח וועט קומען... אַ גאַנצע נאַכט האט ער געוואַרט, זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, אפשר וועט ער דאָך דערהערען די טריט פון משיח'ן. אָבער אומזיסט איז געווען זיין וואַרטען. עס איז שוין געוואָרען שפּעט אין טאָג, די יודען האָבען זיך שוין געהאַט פערזאַמעלט אין שוהל צו זאָגען קינות, און דער רבי איז נישטאָ... דער שמש איז צו איהם געקומען און געזאָגט: „רבי, ס'איז שוין צייט קינות צו זאָגען. דער עולם זיצט שוין אויף דער ערד אין שוהל און וואַרט". די ווערטער האָבען געווירקט אויפ'ן רבי'ן, ווי א דונער-שלאַג. ער האט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע טיפע געדאַנקען, און האט אויסגערופען: „ווי שרעקליך, ווי שוידערליך, עס איז די ווירקליכקייט: דאס פאָלק ישראל איז אין גלות, און ער איז נישטאָ"... מיט אַ גרויס געוויין איז דאַן דער הייליגער צדיק אריין אין שוהל, זיך געוואָרפען צו דער ערד פאַר דעם ארון קודש און געזאָגט „איכה ישבה בדד העיר" און געזאָגט האט ער דאמאלס די קינות אין דעם גייסט אין וועלכען ירמיהו הנביא אַליין האט די עלעגיע פון יודישען אומגליק, די טרויער-פּאָעמע פון דעם יודישען חורבן, פערפאַסט.

מען בעהויפּטעט, אַז דער בערדיטשעווער רבי לוי יצחק האט פאָרגעפיהלט זיין טויט. עס ווערט דערצעהלט, אַז ערב סוכות פון יאָהר אין וועלכען ער איז נסתלק געוואָרען איז ער אַריינגעקומען אין זיין שוהל און געזאָגט צו זיינע חסידים: „וויסען זאָלט איהר, אַז היינט האט זיך געענדיגט די צייט פון מיין לעבען, איך האָב שוין בעדאַרפט אין דער שעה זיך שיידען פון דער וועלט, אָבער עס האט מיך שטאַרק געאַרט, וואָס איך וועל נישט קענען מקיים זיין די צוויי בע'טעמ'טע מצוות פון סוכה און אתרוג, דערפאַר האָב איך מתפלל געווען מען זאָל מיך נאָך לאָזען ביז איבער סוכות, און גאָט האט מיין תפילה אָנגענומען"... תיכף אין טאָג נאָך סוכות איז דער בערדיטשעווער קראַנק געוואָרען, און אויף דעם צווייטען טאָג איז ער נסתלק געוואָרען.

וועגען זיין ליבע צום פאָלק ישראל איז געשאַפען געוואָרען אַ מערקווירדיגע לעגענדע, אַז דער שטן האט געכאַפּט דעם בערדיטשעווער'ס נשמה, ווייל ער האט פערטיידיגט די יודען, און קיינער האט זי נישט געקאָנט רעטען פון זיינע הענד, אָבער כביכול אַליין האט איהם געראַטעוועט. נאָר וועגען אַזאַ צדיק ווי דער בערדיטשעווער רבי לוי יצחק איז געווען האָט מען געקענט אַזאַ לעגענדע בעשאַפען.

היסטאָריקוס.



אין וועלכען ס'האט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיניא בענצלאָוויטש אין אַ ציגיינער-טאַבאָר מיט געזאַנג און טענץ.

מיט איין וואָרט, כ'בעדויער נישט, וואס איך האָב בעזוכט די דאָזיגע פאָרשטעלונג, פערקעהרט, איך בין זעהר צופרידען און וויל דערביי מאַכען אַ קאָמפּלימענט אונזערע יודישע פרויען, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי זענען ווייבער, קאָנען זיי אויך נאָך עפּיס צוזאַמענשטעלען (פערגעסט נישט, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג, סיי די טעכנישע, סיי די טעאַטראַלע איז איינגעאָרדענט געוואָרען דורך פרויען), און מען קאָן גלויבען, אַז איין-איינציגען אָווענד קאָן מען נאָך אויסהאַלטען אין ווייבערישען קעניגרייך...

כ'האָב פערלוירען דעם חשבון...

מיט אַ צייט צוריק האָבען מיר געמאַכט אַ גענויען חשבון פון די אַלע פּאַרטייען און גרופּקעלעך, וואָס זענען א בעשטאַנד טייל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פיהרען דאָך זעלבסטשטענדיגע אַרבייט, בעקעמפענדיג זיך דערביי אויף סכנות נפשות.

פון דאמאלס אָן האט זיך די לאַגע אַ סך געביטען. די רעוויזיאָניסטען, וועלכע זענען דאמאַלס צוגערעכענט געוואָרען אין צאָהל צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זענען אין דער צווישען-צייט אַרויסגעטרעטען פון דער אַלטער און געגרינדעט אַ נייע, און אַט ביי דער נייער אָרגאַניזאַציע וואָס רופט זיך נ. צ. אָ. האט זיך אויך שוין גרופּירט אַ האַלב טוץ אָרגאַניזאַציעלעך. און טאָמער האט איהר ווייניג איז צוגעקומען אַ נייע פּאַרטיי, וואָס האט אַ קלינגענדיגען נאָמען און רופט זיך: „אחדות ישראל".

אַט די נייע פּאַרטיי בעשטעהט פון די אַרויסגעטרעטענע פון „מזרחי", תורה ועבודה, אגודה'ניקעס און גלאַט רעליגיעזע יודען, וועלכע האָבען די אויפגאַבע צו פעראייניגען אַלע רעליגיעזע יודען אין איין אָרגאַניזאַציע ביי דער נ. צ. אָ.

אויך אין טשענסטאָכאָוו איז פאָרגעקומען א שפּאַלטונג אין דעם „מזרחי" און צווישען די אַרויסגעטרעטענע געפינט זיך איינער פון די לידערס פון „מזרחי", וועלכען עס איז איבערהויפּט צו פערדאַנקען דאס וואָס דער היגער „מזרחי" האט בעקומען אַ יוגענד-אָרגאַניזאַציע ווי אויך דאס, וואָס לעצטענס איז דאָרט געווען אַ שטיקעל אויפלעבונג. דער דאָזיגער עהרליכער איבערגעגעבענער אידעאַליסטישער טהוער, דער ה' ל. י. האט איצט צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע מזרחיס'טען געגרינדעט די „אחדות ישראל" ביי דער נ. צ. אָ.

האָב איך געוואָלט אַפילו מאַכען אַ צעטיל און אויסרעכענען די נעמען פון די פּאַרטייען פון דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווי אויך דעם גאַנצען צעטיל פון די פּאַרטייען, וואָס גרופּירען זיך ביי דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר ווען איך בין צוגעטרעטען צו דער אַרבייט האָב איך זי געמוזט איבעררייסען, גאָר פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זענען אָהן עין הרע דאָ אזוי פיעל און מיט אַזעלכע משונה מאָדנע נעמען, אַז כ'האָב פערלוירען דעם חשבון...

יום-טוב-בלעטלעך...

אַמאָל אין די צייטען, ווען די קולטור און ציוויליזאַציע איז נאָך נישט געשטאַנען אויף אַזאַ „הויכער שטופע", ווי היינט, האט מען פאַר יעדען יום-טוב אַרויסגעגעבען ליטעראַרישע צייטונגען, וועלכע מען האט גערופען „יום-טוב-בלעטלעך". דאָרט איז בעזונגען געוואָרען דער יום טוב און זיין בעדייטונג. פסח, למשל, איז געוואָרען גערעדט וועגען פרייהייט פון מענשען און פעלקער. שבועות – וועגען דער הערליכער נאַטור, וועגען פריהלינג א. א. וו. יענע צייטען זענען שוין אָבער אַוועק. היינט נויטיגט מען זיך נישט אין אַזאַ פערעלטערטער מאָדע... ליטעראַטור איז היינט גוט פאַר אַלטע אָבגעלעבטע מענשען, אונזער יוגענד האט וויכטיגערע אויפגאַבען. אמת, זי לאָזט אויך אַרויס יום-טוב-בלעטלעך, נאָר מיט גאָר אַן אַנדערען אינהאַלט, בלעטלעך וואו ס'רעדט זיך נישט וועגען פרייהייט און ברודערליכקייט, נאָר וועגען שנאה און האַס פון מענש צו מענש, בלעטלעך, וועלכע פּרעדיגען אויסראָטונגס-אידעען, בלעטלעך, וועלכע פערסמ'ען די לופט.

פאַר מיר ליגען עטליכע בלעטלעך, וואָס שילער פון די שולען האָבען צוטיילט אין גאַס, אין וועלכע מען דערצעהלט אויך וועגען יום טוב און דערפאַר טאַקע, ברודער – רעדט זיך דאָרט אויך אין די בלעטלעך – זאָל מען געדענקען, אַז מען מוז פעראַכטען דעם יודען, מען מוז איהם אומברענגען א. ד. גל.

אַנדערע צייטען און אַנדערע יום-טוב-בלעטלעך...

ווי „דעליקאַט" דער „גאַניעץ" איז...

בעת אונזער א לעזער האט יענע וואָך אַדורכגעלעזען אין „וואָס געהערט און וואָס געזעהן" וועגען דער „געטאָ", וואָס דער „גאַניעץ" האט געמאַכט פאַר די יודישע אַנאָנסען, האט ער טעלעפאָנירט אין דער אַדמיניסטראַציע פון „גאַניעץ" און אָבגערופען דעם אַנאָנס, וועלכען ער האט בעשטעלט אין יום-טוב-נומער, מאָטיווירענדיג, אַז ער וויל נישט מען זאָל איהם זיין אַנאָנס אַוועקשטעלען אין א „געטאָ". ער איז נישט – האט דער דאָזיגער יוד געטענה'ט – קיין סטודענט אין לעמבערגער אוניווערזיטעט...

האט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, ווי ס'איז געקומען צו לויפען דער אַקוויזיטאָר פון „גאַניעץ" און האט אויף אַ זעהר דעליקאַטען אופן איבערגעבעטען דעם יודישען סוחר, אַז חס ושלום, ביי זיי איז נישט פערהאַנען קיין „געטאָ" אויף יודישע אַנאָנסען, נאָר אדרבה ואדרבה, זאָלען יודען נאָר געבען אַזויפיעל אַנאָנסען, ווי זיי וועלען צונעמען און וועלען בעהאַנדלען די יודישע קונדשאַפט געוויסענהאַפט און אָרענטליך.

קומט דער זעלבער סוחר צו מיר און מאַכט מיר א לייכטען פאָרוואורף, פאַרוואָס איך האָב געשריבען, אַז דער „גאַניעץ" האט געמאַכט א געטאָ אינדערצייט, ווען ער איז אַזוי ליעבענסווירדיג און העפליך...

ר' יודעל, גיב געלד!...

דאס אַלטע ליעדעל: „ר' יודעל גיב געלד" איז אַפילו אַקטועל אַ גאַנץ יאָהר, וואָרום ווער נאָך אַזוי ווי יודען מוזען האַלטען אין איין צאָהלען. איצט אָבער האט דער „ר' יודעל גיב געלד" אַ בעזונדערע בעדייטונג – עס הויבט זיך אָן די זאַמעל-אַקציע פאַר די פערשידענע קרנות.

די וואָך האט זיך אָנגעהויבען די אַקציע פון „קרן-תל-חי". געעפענט די אַקציע האט דער מיטגליד פון דער נשיאות ד"ר שעכטמאַן מיט אַ גלענצענדען רעפעראַט אין זאַל פון פייערלעשער און שוין צומאָרגענס האָבען זיך פאָרלעך אַרויסגעלאָזט אין גאַס און לויט ווי זיי דערצעהלען האָבען זיי גענומען ביי יודען א ביסעל געלד. די אַקציע איז ערשט אין איהר אָנהויב און ס'וועט נאָך זיין דער אמת'ער ר' יודעל – גיב געלד.

די צווייטע וואָך ווידער הויבט זיך אָן די אַקציע פאַר'ן „קרן היסוד", און צו אונז אין שטאָדט קומט אַראָב דער דיכטער לייב יפה, וועלכער וועט ווידער מעורר זיין דאס ביסעל יודען זיי זאָלען – געבען געלד.

איך בין זיכער, מעהר אָדער ווייניגער, מיט גוטען אָדער מיט בייזען אַז יודען וועלען זיך נישט אַרויסדרעהען פון דאָזיגען עסק, זיי וועלען אפשר וויינען, בעקלאָגען זיך, אַז די צייטען זענען שלעכטע, עס איז אַ ביטערער קריזיס, פאַר די חגאות האט מען צוליעב פערשטענדליכע טעמים נישט געלייזט, ס'וועט זיי אָבער מסתמא גאָרנישט העלפען, זיי וועלען מוזען געבען.

ווייל אזוי איז שוין אונזער גורל נעמען האָבען מיר נישט ביי וועמען, מען גיט אונז גאָרנישט. דערפאַר זענען מיר די שטענדיגע געבער, און אויך דאָ וועט פעסטגעשטעלט ווערען דער אַלטער כלל, אַז ר' יודעל, גיב געלד...

לויתן.

„גמילת חסד" קאַסע אָגראָדאָווע 6

שבת, דעם 28-טען ד. ח. (זאת חנוכה) קומט פאָר

אין זאַל פון „מכבי" קאַטעדראַלנע 13

א גראַנדיעזער קאָנצערט

מיט'ן אנטייל פון בעוואוסטען אבער-קאַנטאָר ה' **אליעזר פינקעלשטיין,**

וועלכער וועט אויספיהרען פאָלגענדען פראָגראַם.

1) דער נר תמיד פון ראסקין (פאָלקסליד. 2) אתה יצרת פון יאַקאָווקי'ן. 3) שומר ישראל פון י. ראַזענבלאַט. 4) אל ישראל (פאָלקסליד). 5) אמר רבי אלעזר פון אליעזר פינקעלשטיין. 6) פרנסה, פון א פינקעלשטיין פאָלקסליד. 7) עד של נוצרתי חסידיש. 8) דער אלטער חזן פאָלקסליד. 9) אני מאמין פאָלקסליד. 10) אדם יסודו מעפר, פאָלקסליד. 11) תאוהין, פאָלקסליד און 12) דאָס יודישע ליעד, פאָלקסליד.

בילעטען פריהער צו בעקומען ביי ה' יוסף ויידמאַן קאַטעדראַלנא 15 און אין דער דרוקעריי פון ה' באַטשאַן אַלעע 6 און אין טאג פון קאָנצערט פון 5 א זייגער ביי דער קאַסע.

ביים קלאַוויר ה' שמולעוויטש.

שבת, דעם 4.1 1936 6 אָוענד אין ערשטען טערמין 7 אָוענד אין צווייטען טערמין קומט פאָר

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג

פון די מיטגלידער פון לערער-צעך

טאג-אָרדנונג:

ערעפנונג. וואַהלען פון פאָרזיצענדער. לעזען דעם פאַר-יעהריגען פראָטאָקאָל. בעריכטס-טעטיגקייט. קאַסע-בעריכט. בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1936. וואַהלען פון א עלטסטען. וואַהלען פון 3 פערטרעטער. וואַהלען פון 9 פערוואַלטונגס-מיטגלידער. פרייע פאָרשלאָגען.

ערקלערונג און התראה.

אין „אונזער טשענ. עקספרעס" נומ. 293 איז געווען אָבגעדרוקט אַנ'אויפפאָדערונג פון ה' יוסל ווילינגער, אז ער רופט מיך כלומר'שט צום לעצטען מאָל אויף א דין-תורה אויף ב. דחנוכה.

איך ערקלער קאַטעגאָריש, אז מען האט מיך צו קיין דין-תורה נישט גערופען אויף וועלכען איך האָב אַרויסבעקומען א בעשטעטיגונג פון ראַבינאַט. (די בעשטעטיגונג האָב איך בעלייגט אין רעדאַקציע) דאַגעגען האָב איך אויך א בעשטעטיגונג, אז ווען דער זעלבער ה' ווילינגער האט מיך אַמאָל יאָ גערופען צו א דין תורה איז ער גאַר נישט געקומען אויף וועלכען איך האָב א בעשטעטיגונג פון ראַבינאַט, (אויך די בעשטעטיגונג האָב איך בעלייגט אין רעדאַקציע).

דערביי בין איך מתרה, אז אויב ה' ווילינגער וועט אין משך פון 8 טאג נישט עפענטליך צוריקציהען אלע בלבולים און רכילות'ן וואס ער פערשפרייט געגען מיר. און אויך אויב ער וועט נישט אויפהערען מיר שאָדען צו ברענגען אין מיין געשעפט ערקלער איך, אז איך וועל זיין געצווינגען אָנצוווענדען אלע מיטלען, וועלכע זענען אין מיין בעזיץ נישט אָבשטעלענדיג זיך פאַר קיין שום קאָנסעקווענצען.

אברהם טשענסטאָכאָווסקי.

צו די טשענסטאָכאָווער יודען!

ברידער יודען,

ווידער האט אונזער שטאָדט די זכיה אויפצונעהמען ביי זיך ה' ליב יפה פון ירושלים, וועלכער וועט פראָקלאַמירען און אָנפיהרען מיט דער היי-יעהריגער אַקציע פאַר'ן קרן-היסוד.

אין ליכט פון דער יודישער טראַגעדיע זעהען מיר איצט מעהר ווי אַלע מאָל, וואס ארץ-ישראל בעדייט פאַר אונזער פאָלק.

אין משך פון די לעצטע פאַר יאָהר האָבען אין ארץ-ישראל געפונען אַ מקום-מקלט 30 טויזענד פון אונזערע ברידער פון דייטשלאַנד; בלויז אינ'ם לעצטען יאָהר זענען אַריין פון פוילען קיין ארץ-ישראל 25 טויזענד יודען, וואו זיי האָבען געפונען, אַרבייט, ברויט און אַ ווירדיג לעבען.

ארץ-ישראל איז געוואָרען אַ קוואַל פון טרייסט און האָפנונג פאַר אונזער צושטרייטען פאָלק, אין אלע לענדער.

מען האט געקענט אומפערגלייכליך פיעל מעהר דערגרייכען. קליין איז אונזער אויפטהו אין פערגלייך מיט די מעגליכקייטען, אין פערגלייך מיט דער יודישער נויט און עלענד. יודישע מאַסען קלאַפען מיט אַ יאוש-געשריי אין די טויערען פון ארץ-ישראל; די יודישע יוגענד רייסט זיך אַהין — דאָס איז זייער איינציגע האָפנונג און צוקונפט; טויזענדער משפחות וואַרטען אויף באַדען.

גרויס, גרעסער ווי ווען עס איז, זענען די אויפגאַבען פון קרן-היסוד. ער דאַרף שאַפען די נויטיגע מיטלען פאַרדער עליהאון קאָלאָניזאַציע. נייע שוועריגקייטען ווערען געלעגט אויף אונזער וועג. אונזער איינציגע תשובה איז — פערגרעסערען די אָנשטרענגונגען, פערשטאַרקען די אַרבייט.

מיר ווענדען זיך צום טשענסטאָכאָווער יודענטום, צו איינע פון די חשוב'סטע יודישע קהלות אין פוילען מיט אונזער רוף:

העלפט בויען ארץ-ישראל!

שטיצט דעם קרן-היסוד, וועלכער דערפילט ! אַ היסטאָרישע אויפגאַבע לגבי דעם יודישען פאָלק!

גרעסער ווי אלע מאָל מוז זיין ביי אונז די צאָהל פון די תורמים, גרעסער ווי אלע מאָל מוז זיין די בעשטייערונג פון יעדען, פון אונז. מיט דער בעשטייערונג פאַר'ן קרן - היסוד לעגען מיר דעם עתיד פונ'ם בעפרייטען יודישען פאָלק.

אויפנאהם-קאָמיטעט לכבוד דעם דיר. ליב יפה.

הרב ר' נחום אש שליט"א	איצקאָוויטש אליהו	גויפעלד מאָוריצי פרעזעס
אש לייב דר. אדוו.	אימיך יוזעף פרעזעס	מעהרינג מ. דר.
בראַם אָרנאָלד ד"ר	יאַנאָווסקי ד. פראָפ.	רײַזשעוויטש מ.
בערלינער ג. ד.	יאַכימאָוויטש י.	ראַזען מאַרצעלי דר.
טשענסטאָכאָווסקי י.	קאָפינסקי ל.	זיגמאַן סט. דיר.
ענגעל י.	פרוי קאָהן א. אינזש.	זיגמאַן א. דיר.
גייסלער תיאָפיל ד"ר	קאָהן נאַטאַן דיר.	סויקא ל.
גיטלער י. אדוו.	קאָהן יעקב	שפּיראָ פעליקס לאַווניק
געריכטער ח.	קאָפליגץ ש.	שאפער גוסטאָוו דר.
גאָלדשטיין שמואל	פרוי קרעמסקא יאָהאַננאַ	שטרויס ש.
גרילאַק בערנאַרד	קאָנגרעצקי א.	שענפעלד א. ל.
גערשאָנאָוויטש א.	ליבראָוויטש ה. א.	שלייכער י. דר.
גרינבערג מ. דיר.	לאָוער י. פראָפ.	שטילער זיגמונט פרעזעס
האפטקע פאַוועל אַדוו.	לעווית יעקב	סאַלאַט וו.
העלמאַן באָלעסלאַוו דר.	לעתקאָוויטש י.	וועקסלער י.
הירשבערג י. וו. דר. ראַבינער	ליפינסקי יוליאַן דר.	פרוי וועקסלער ב.
האָראָוויטש מ.	מאַרקאָוויטש ראָמאַן דיר.	וואַרשאַווסקי א.
איצעק וואָלף	מאַרקאָוויטש זיגמונט דיר.	זאַנדשטיין מ.

אַלבערט איינשטיינ'ס בעגריסונג.

דער קרן היסוד האט זיך דורך דעם, וואס ער מאַכט מעגליך זידלונגען אין ארץ ישראל, אַרויסגעוויזען אלס אומשעצבאַרער כח פאַר דער זיכערונג און געזונטמאַכונג פונ'ם יודישען פאָלק. זאָל דער דאָזיגער געדאַנק אַלץ מעהר אַריינדרינגען און זאָל פיהרען צו א פערשטאַרקונג פונ'ם ווערק, פון וועלכען עס איז אָבהענגיג אין אזא גרויסער מאָס די צוקונפט פון פאָלק.

א. איינשטיין.

זאַל „מכבי"

אַנסאַמבל:

גיזי היידען — פלאַם - פייערדיגע סובּרעטין

שלמה פריזאָמענט — כאַראַקטער - אַרטיסט

מיכאַל קליין — אַרטיסט און זינגער

סעם גאָלדבערג — זינגענדיגער, טאַנצענדיגער פייפענדיגער פאַס-קאָמיקער

קאַרל הערבסט — כאַראַקטער-אַרטיסט

זאַמין ראַיע — יונגע סוברעטין

גאַסט - אויפטריטען פון די בעוואוסטע ליעבלינגס - אַרטיסטען

גיזי היידען און שלמה פריזאָמענט

מיט'ן אַנטייל פונ'ם אַרטיסט **מיכאַל קליין**

פרייטאָג, דעם 27 9.30 אָווענד צום צווייטען מאָל

„פאַריזער לעבען"

פאַרס-קאָמעדיע אין 2 אקטען מיט פראָלאָג פון ד. ספיוואַק.

שבת ד. 28-טען 12 פריה באַלקאָן 50 גר., פאַרטער 1.10 זל.

אין גאָרטען פון ליבע

אפערעטע אין 3 אקטען מיט מוזיק פון ש. פריזאַמענט.

שבת, ד. 28-טען 4.30 נאָכמ. פון 50 גר. ביז 1.10 זל.

נאַכט גנבים

מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 3 אַקטען פון ש. פריזאַמענט.

אין יעדער פיעסע — מוזיק-נומערן, פאָלקס-ניגונים, טאַנגאָס, ראָמאַנסען, דועטען, קוואַרטעטען און אַנסאַמבלען.

בילעטען אין דער דרוקעריי באַטשאַן, שבת פון 10 פריה אין קאַסע פון „מכבי".

לעצטע גאַסטשפילען

אַנסאַמבל:

האָניגבוים פישעל — פאָטער ראַליסט

רעגינא גדאָס — מוטער-ראָליסטין

פאָזנאַנסקאַ שרה — גראַנדאַם

ספיוואַק דוד — אַרטיסט און מחבר

האָניגבוים לאה — גראַנדאַם

סאַנדלער רעניאַ — יונגע סוברעטין

די צוגאָב-אָבצאָהלען פאַר וואַסער-לייטונג און קאַנאַליזאַציע.

ווי בעוואוסט, האט די שטאָדט-פער-וואַלטונג מיט א צייט צוריק בעשטימט הנחות פאַר די הויז-אייגענטימער, וועל-כע וועלען ביז'ן 31-טען גרודזיען ד. י. איינצאָהלען 60 פראָצענט פון די חובות, וואס זיי זענען שולדיג פאַר וואַסער-לייטונג און קאַנאַליזאַציע. די דאָזיגע הויזבעזיצער ווערען געשענקט די איב-ריגע 40 פראָצענט פון חוב צוזאַמען מיט די צינזען און קאָסטען פאַר די פערגאַנגענע יאָהרען.

אַזוי ווי דער הנחה-טערמין ענדיגט זיך שוין דעם 31-טען ד.ח., דערמאָהנט די שטאָדט-פערוואַלטונג אלע פעראינ-טערעסירטע הויזבעזיצער, דאָס אויב זיי וועלען נישט איינצאָהלען ביז'ן דערמאהנטען טערמין די 60 פראָצענט, וועלען זיי נאכ'ן 31-טען ד. ח. מוזען בעצאָהלען נישט בלויז דעם גאַנצען פערלעגענעם חוב, נאר אויך די צינזען פאר דער אָבגעלאָפענער צייט.

דאָס איז נישט געווען קיין קויציע, נור אַ הלואה.

ווי ס'איז שוין געווען זיינער צייט געמאָלדען, איז דער אייגענטימער פון דער ליכט-פאַבריק און כעמישע אויסאַר-בייטונגען א.ד.פ. „זניטש" — ה' מאיר פייגע אונפערהאָפט אַריינגעפאלען אין אַנ'אונאָנגענעהמע לאַגע, ווייל זיין אָנ-געשטעלטער פישער האט געגען איהם בעלעגט אַנ'אָנקלאָגע פאַר צונעמען זיין קויציע אין דער הויך פון 8 טויזענד זלאָטעס.

דאָס קרייז-געריכט אין טשענסטאָכאָוו האט אנערקענט ה' פייגע'ס שולד פאַר פעסטגעשטעלט און שטיצענדיג זיך אויף דער ערקלערונג פון כלומרשט בע'עולה'-טען, איז ה' פ. געוואָרען פער'משפט אויף 6 חדשים אַרעסט מיט אָבלעגען דאָס אויספיהרען די שטראָף אויף עט-ליכע יאָהר.

געגען דעם דאָזיגען אורטייל האט ה' פייגע אַפעלירט און דאָס אַפעלאַציע-געריכט אין וואַרשאַ האט נאָכ'ן בע-טראַכטען דעם גאַנצען ענין פעסטגע-שטעלט, אַז די כלומרשטע קויציע איז אין דער ווירקליכקייט נור געווען א הלואה, וואס איז געוואָרען געגעבען אויף א הויכען פראָצענט און איז גע-וואָרען אָבגעצאָהלט דורך פייגע'ן.

אין רעזולטאַט האט דאָס אַפעלאַציע-געריכט בעזייטיגט דעם אורטייל פון טשענסטאָכאָווער קרייז-געריכט און ה' פייגע'ן פולשטענדיג פרייגעשפראָכען.

בעקאַנטמאַכונג.

צוליעב די רדיפות אויף יודען, זייענדיג געצווינגען צו פערלאָזען דייטשלאַנד, האָבען מיר זיך צוריק בעזעצט אין אונזער געבורט-שטאָדט

טשענסטאָכאָוו, בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ 1 וואוינונג 12 אין הויף

וואו מיר גיבען ארויס

מיטאָגען

געשמאַקע היימישע צו זעהר ביליגע פרייזען.

מיט אַכטונג

ס. אַלטמאַן, ב. יאָסעלעוויטשאַ 1.

מייסטערשאַפטס-קאַמפען פון פינג-פאָנג.

פערג. שבת האָבען זיך אָנגעהויבען די מייסטערשאַפטס-מעטשען פון די פינג-פאָנג-סעקציעס אין טשענסטאָכאָוו.

א גרויסע פעראינטערעסירונג האט אַרויסגערופען דער מעטש צווישען די צוויי שטאַרקע מאַנשאַפטען „בליסקאָווי-צאַ" און „הכח" (ראַדאָמסק), וועלכער האט זיך געענדיגט מיט א נישט פער-דינטען נצחון 3:7 פון „בליסקאָוויצע". נישט קלענער איז געווען דער אינטער-רעס צום קאַמף „הכח" (טש.) „הפועל" (ראַדאָמס). בעת דעם דאָזיגען מעטש האט א שטאַרקע איבערמאַכט „הכח", וועלכער זיעגט 1:9. אויסגעצייכענט האָבען זיך פון „הכח": ראָזענצווייג, הערשליקאָוויטש, מיסקא און שפּאָרן.

עס זענען אויך פארגעקומען איינינגע אנדערע מייסטערשאַפטס-מעטשען, וועל-כע האָבען זיך פערענדיגט מיט גרויסע סענסאַציעס. די רעזולטאַטען זענען פאָלגענדע:

מכבי — הפועל 3:7.

יוטרזשניאַ — גוויאַזדאַ 2:8.

הכח (ראַדאַמסק) — יוטרזשניא 2:8.

בליסקאָוויצא—הפועל (ראַדאַמסק) 3:7.

הכח — הפועל 3:7.

מכבי — גוויאַזדאַ 2:8.

ווי עס איז פאָראויסצוזעהן, פיהרט דער טשענסטאָכאָווער „הכח" דאָס ער-שטע אָרט אין דער „א"-קלאַס. (י.

פון ספּאָרט-קלוב „בליסקאָוויצאַ".

פערגאַנגענעם שבת האָבען זיך אָנ-געהויבען די מייסטערשאַפטס - שפּילען פון פינג-פאָנג אין אונזער קרייז.

שבת, דעם 21 ד.ח. האט די „בליס-קאָוויצא" געשפּילט דעם ערשטען מעטש מיט'ן ראַדאָמסקער „הכח" און געווינען 3:7. זונטאָג, דעם 22-טען ד.ח. האט די „בליסקאָוויצא" געשפּילט אין ראַדאָמסק געגען דאָרטיגען „הפועל" און געזיעגט 3:7.

— זונטאָג, דעם 29 ד. ח. 7 אָווענד קומט פאָר א מייסטערשאַפטס - מעטש צווישען „בליסקאָוויצא" — „מכבי" אין לאָקאַל פון „בליסקאָוויצא".

— שבת, דעם 28 ד. ח. אָרדענט-איין דער קלוב א חנוכה-באַל פאַר מיטגלי-דער און סימפּאַטיקער.

פּאַפּיר

אַמפּעלן, מאַנופאַקטור

MICHAŁ AJDELMAN

אין דער פירמא

Częstochowa Piłsudskiego 7

טעל. 13-05, 1-סטער שטאָק, פראָנט.

KINO „EDEN".

צוגלייך מיט וואַרשאַ!

די גענילאַלע 6-יעהריגע

שירליי טעמפּעל

ענטציקט אין נייעסטען פילם

NASZE SŁONECZKO

דעם פּראָגראַם ערגענצט

דער אונפערגלייכליכער

BUSTER KEATON

אין דער קאָמעדיע

„Niedołęga".

אין יעדען הויז

דאַרף זיך געפונען

שפּיגעלמאַנ'ס

איבעראַל-אָנערקענטער קאַלענדאַר

„דיוואַך"

וועלכער ענטהאַלט זעהר וויכטיגע אינ-פאָרמאַציעס, וואס זענען נויטיג יעדען בירגער.

פאָדערט איבעראַל.

בעשטעלונגען נעמט אָן:

י. שטייער, טשענסטאָכאָו

2-טע אַלעע 18.

Kino „LUNA"

Buster Crabbe

דער וועלט-מייסטער אין שווימען, דער אונפערגעסליכער „זוהן פון דזשונגעל'ס" אין נייעם אינטערעסאַנטען פיגם

Tarzan nieustraszony

אויסער'ן פּראָגראַם:

פליפּ און פלאָפּ.

אין קורצען: „Wyprawy krzyżowe"

פאַרבעריי און כעמישע

וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין וואַרשאַ מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעסאַפּירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט אַ דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

די פּרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

באראבאוו-קיום, נייער מארק 2.

פרייטאג, דעם 27 ד. ח. 7-30 אוועגד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל א באראבאוו-אקאדעמיע.

שבת, דעם 28 ד. ח. פונקטליך 4 נאכמיטאג קומט פאר א קאלעקטיווע פארלעזונג א. ד. ט. „באראבאוו און באראבאוויזם". רעפ. דוד וואטענבערג און שמחה לאסמאן.

שבת 6 נאכמ. קומט פאר א מאבי-ליזאציאנס-פערזאמלונג געווידמעט דעם יובל-נומער פון „דאס נייע ווארט" צו 15 יאהר הסתדרות.

אלע ארג. פון דער ליגע ווערען געבעטען אנטיילצונעמען אין דער מאב. פערזאמלונג.

Spółdzielczy

Bank Handlowo-Przemysłowy

z ogr. odp. Częstochowa N Rynek 4

ערלעדיגט אלערליי באנק - אפעראציעס און האט בעשטימט א ספעציעלען פאנד אויף הלואות פאר האנדווערקער און קליינהענדלער



קאמוניקאט פון קאמיטעט פאר צנינים פון יודישער מלאכה.

געצעהלטע טעג טיילען אונז אב פון דעם לעצטען טערמין צו דערלאנגען ביטעס וועגען צולאזען צו די פערלייכ-טערטע געזעלען-עקזאמענס. די דאזיגע מעגליכקייט טאר נישט פערנאכלעסיגט ווערען; עס טאר נישט פערזוימט ווערען דער לעצטער טערמין פון 31 גרודזיען 1935 י.

ס'ווערט דעריבער אויפמערקזאם גע-מאכט אלע פעראינטערעסירטע, וועלכע ארבייטען מינדעסטענס 3 יאהר אין פאך, אז זיי מוזען תיכף דערלאנגען די געהעריגע ווענדונגען אין דער האנד-ווערקער-קאמער וועגען צולאזען זיי צו די הנחה-עקזאמענס. עס דארפען גלייך דערלאנגען ביטעס אויך די יעניגע, וועלכע בעזיצען נאך נישט אלע נויטיגע דאקומענטען, זאלען זיי דערווייל בע-לייגען צו דער ביטע די דאזיגע דאקו-מענטען, וועלכע זיי פערמאגען.

אויב די פעראינטערעסירטע קענען נישט צוליב געוויסע סיבות בעלעגען צו דער ביטע קיין צייגניש פון דער דורכגעמאכטער לעהר, דארפען זיי בע-לעגען א געוועהנליכע בעשטעטיגונג וועגען דעם ווי לאנג ער ארבייט אין פאך, אונטערגעשריבען דורכ'ן מייסטער. די דאזיגע צייגניש דארף זיין בעשטע-טיגט דורכ'ן צעך.

דאס דערלאנגען די ביטע וועגען צו-לאזען צום עקזאמען איז נישט פערבינ-דען מיט'ן באלדיגען איינצאהלען די עקזאמיניר-טאקסע, וועלכע מען קען צושיקען נאכ'ן דערהאלטען פון דער האנדווערקער-קאמער א מיטטיילונג, אז דער פעראינטערעסירטער ווערט צוגע-לאזט צום עקזאמען.

די ביטע מיט אלע נויטיגע דאקומענ-טען אדער מיט א טייל פון זיי דארף אריינגעשיקט ווערען אין דער האנד-ווערקער-קאמער אין א רעקאמענדירטען בריעף.

דער סעקרעטאר פון קאמיטעט ה' ווינער ערטיילט אלע נויטיגע אינפאר-מאציעס אין דער קאנצעלאריע פון דער האנדווערקער-שולע, יעדען טאג פון 5 ביז 7 אוועגד.

די אקציע פון „קרן-תל-חי" אין טשענסטאכאוו.

די היי-יעהריגע „קרן תל-חי"-אקציע ביי אונז אין שטאדט האט זיך זונטאג אנגעהויבען מיט א גרויסער אקאדעמיע אין פייערלעשער-זאל.

די אקאדעמיע עפענט אין נאמען פון „קרן-תל חי"-קאמיטעט אין טשענסטאכאוו פרעזעס ש. ניעמיראווסקי, וועלכער פער-בעט אין פרעזידיום די ה"ה: ד"ר סט. קאהן, פראפ. וויינבערג און דיר. ווייג-מאן פון הצה"ר, ח. ל. יונגסטער און משה אש פון אחדות-ישראל, מ. זעלצער פון בית"ר, נ. קורלאנד פון החיל און ע. יאקובאוויטש פון ב"עס.

דער ערשטער בעקומט דאס ווארט צו זיין רעפעראט דיר. מ. קלערער, וועלכער שטעלט זיך אב אויף די ביז-איצטיגע דערגרייכונגען פון „קרן-תל-חי" און זיינע אויפגאבען אין דער צוקונפט. ער וויזט אויך אן, אז דער קרן-תל-חי ווערט פון אנ'ענגען פארטיי-פאנד פער-וואנדעלט אין א מאסען-אקציע, וועלכע וועט זיין דער ערשטער פראקטישער אויפטהו פון דער נ.צ.א.

א זעהר שעהן-געבויטען פאליטישען רעפעראט האלט דאן דער מיטגליד פון דער נ.צ.א. נשיאות ד"ר יוסף שעכטמאן. ער גיט אנ'איבערבליק איבער דער יעצטיגער לאגע פון יודענטום און אין א קלאר בילד ווייזט ער אן אויף דעם מצב אין ארץ-ישראל ביים יעצטיגען מאמענט אויך אויף דער בהלה-שטימונג אין ישוב. דער רעדנער ווייזט אן אויף די דערגרייכונגען פון דער נ.צ.א. אין איהר געגענווארטס-ארבייט. די נ. צ. א. האט אנערקענט דעם „קרן תל-חי" אלס דעם איינציגען שטאטס-פאנד פון דער יודישער מלוכה אונטערוועגס. די הויפט-אויפגאבען פון פאנד זענען איצט: 1) דאס איבערבויען דעם גאנצען היינטיגען הכשרה-סיסטעם און שאפען א פאכמע-נישע הכשרה אין גלות; 2) דאס אויפ-בויען א גרויס הויז אין ארץ-ישראל פאר דער נאציאנאלער ארבייטערשאפט; 3) שאפען אנ'אינוועסטיציע-קאפיטאל פאר דער קומענדער נאציאנאלער הלואה. דער רעדנער איז פאר זיינע אויספיה-רונגען בעשאנקען געווארען מיט אפלא-דיסמענטען.

מיט'ן געזאנג פון „התקוה" און בשוב ד' איז די אקאדעמיע פערענדיגט געווארען.

ביינאכט נאכ'ן רעפעראט איז פאר-געקומען א באנקעט לכבוד די חשוב'ע געסט ביי דער בעטייליגונג פון מעה-רערע פערזענליכקייטען פון אונזער שטאדט, ווי אויך רעוויזיאניסטישע עסקנים.

דעם פארזיץ האט געפיהרט ש. ניע-מיראווסקי. עס איז פארגעקומען א גע-מיטליכער שמועס פון אלע אנוועזענדע בנוגע פראגען, וואס זענען נוגע דער נ.צ.א., קרן-תל-חי און רעליגיעזע-גרופע „אחדות ישראל". ד"ר שעכטמאן האט נאכהער אלעמען געענטפערט און אנגע-צייכענט א גענויע ריכטליניע פאר דער טשענסטאכאווער בעפעלקערונג.

ביי א געהויבענער שטימונג איז דער באנקעט שפעט אין דער נאכט געשלא-סען געווארען.

מארגען שבת — דער גראנדיעזער קאנצערט.

מארגען, שבת 9 אוועגד קומט פאר דער גראנדיעזער קאנצערט מיט'ן אנ-טייל פון אבער-קאנטאר ה' אליעזר פינקעלשטיין, וואו ער וועט געבען דעם שענסטען רעפערטואר פון זיין רייכען פראגראם.

די גאנצע הכנסה איז בעשטימט פאר דער גמילת-חסד. קאסע, אגראדאווע 6, וועלכע בארגט אויס א סך הלואות ארימע האנדווערקער און קליינהענ-דלער.

עס איז נישט קיין שום ספק, אז דער דאזיגער קאנצערט, וועלכער זאגט צו צו זיין אינהאלטסרייך און אויך צו-ליעב דעם צוועק, פאר וועלכען ער איז בעשטימט, וועט ווערען צאהלרייך בעזוכט.

נדבות אין רעדאקציע פאר דער געזעלשאפט „תומכי עניים".

ה' דוד גאלדבערג און פרוי צוליעב זייער 20 יעהריגער חתונה 20 קילא ברויט.

ה' דוד מארקאוויטש און פרוי צו-ליעב דער חתונה פון זייער זוהן הע-ניעק מיט פרל. אוטשא ווייגשטאק 20 קילא ברויט.

ה' יעקב שטשעקאטש און פרוי צו-ליעב דער חתונה פון זייער זוהן אברהם 10 קילא ברויט.

ה' מיכאל רוזיעוויטש צו דער יאהר-צייט פון זיין פרוי 10 קילא ברויט.

ד' יונתן איזראעלאוויטש און פרוי צוליעב דעם 3 יעהריגען געבורטסטאג פון זייער זוהנדלע בערל 10 קילא ברויט.



פון בע"ם.

בעת זיין בעזוך אין טשענסטאכאוו האט ד"ר שעכטמאן אבגעהאלטען א בעראטונג מיט'ן ועד פון בע"ם. ער האט זיך אנגעפרעגט וועגען דער גאנ-צער טעטיגקייט פון היגען בע"ם און די פלענער אויף דער צוקונפט.

היינט פרייטאג 8 א זייגער אוועגד קומט פאר אין לאקאל פון בע"ם א רעפעראט פון חבר דוב ליבערמאן א.ד. ט.: „חנוכה אין ליכט פון דער נאציא-נאלער יוגענד".

מארגען, שבת קומט פאר א שיחת-חברים געפיהרט דורך א. לענטשנער אנהויב 3.30 נאכמיטאג.

זונטאג, דעם 29-טען 8 א זייגער אוועגד קומט פאר א לעקציע פון יודי-שער געשיכטע.

מיטוואך דעם 1-טען יאנואר 8 אוועגד קומט פאר א רעפעראט פון ח' י. קאר-סוז.

צוליב דער חנוכה אקציע פון קרן-תל-חי איז די וואהל-לעגיטימאציע-אק-ציע צו דער רעוויזיאניסטישער לאנ-דעס-קאנפערענץ געווארען פערלענגערט. אין משך פון דער וואך מוזען זיך אלע חברים פערזעהען מיט וואהל-לעגיטי-מאציעס.

פון „אחדות-ישראל".

די ניי-געשאפענע אין אונזער שטאדט ארגאניזאציע פון רעליגיעזע יודען „אחדות-ישראל" ביים נ.צ.א. ענטוויקעלט א לעבהאפטע טעטיגקייט.

היינטיגע וואך איז פארגעקומען א גרעסערע פערזאמלונג, אויף וועלכער דער ה' יונגסטער און אנדערע האבען בעקענט די אנוועזענדע מיט'ן פראגראם און יסודות פון „אחדות-ישראל" און אלע אנוועזענדע, צווישען וועלכע ס'האבען זיך געפונען א גרעסערע צאהל היגע אנגעזעהענע בעלי-בתים און מעה-רערע מיטגלידער פון „מזרחי" און אנ-דערע רעליגיעזע ארגאניזאציעס, האבען תיכף אונטערגעשריבען דעקלאראציעס אין דער נייער ארגאניזאציע.

די ארגאניזאטארען פון „אחדות-ישראל" נעמען אויך א גרויסען אנטייל אין דער אקציע פון „קרן-תל-חי" און האבען שוין ביז איצט געזאמעלט א בעדייטענדע סומע.

פון יודישען טעאטער

זעהר טרויעריג איז דער גורל פון יודישען טעאטער בכלל און פון יודישען אקטיאר בפרט. אזוי ווי דאס גאנצע יודישע פאלק לעבט אין אונגארמאלע בעדינגונגען אזוי אויך דער יודישער אקטיאר, וועלכער ווערט פערשווארצט און פערפינסטערט, קעמפענדיג פאר זיין שטיקעל ברויט.

לעצטענס גאסטראלירט ביי אונז די טרופע, אנגעפיהרט דורכ'ן בעוואוסטען דירעקטאר ה' אסס מיט גיזי היידען און שלמה פריזאמענט בראש. א גוט-צוזא-מענגעשפילטע טרופע מיט בעדייטענדע קרעפטען און פונדעסטוועגען קעמפען זיי מיט אלע כחות צו קאנען האבען א מקום-מנוחה וואו צו שפילען. נאר ליי-דער עטליכע פארשטעלונגען האבען זיי געגעבען ביי אויסערסט-שווערע בעדינ-גונגען אין קינא „אטלאנטיק" און שוין האבען זיי זיך געמוזט אריבערטראגען אין „מכבי"-זאל, וואו עס איז נאך לאנ-גע השתדלות'ן ערלויבט געווארען צו שפילען עטליכע טעג און אויך דא לע-קען זיי נישט קיין האניג... און דאס גאר שוין מצד דעם הויכגעשעצטען פובליקום, וועלכעס האט זיך נאך אלץ נישט אויסגעלערנט צו בעציהען זיך צו יודיש טעאטער אזוי לכל-הפחות, ווי זיי פיהרען זיך אין פוילישען טעאטער.

די ארטיסטען בעמיהען זיך מיט אלע כחות צו געבען זייערע פארשטעלונגען וואס שענער און בעסער. אזוי איז למשל די ביהנע פון „מכבי", א דאנק די בעמיהונג פון דירעקטאר אסס, עס-טעטיש, הערליך שעהן דעקארירט, אזוי אז עס מאכט דעם בעסטען איינדרוק. דאן שפילען די ארטיסטען ערנסט און איבערגעגעבען און ווען דאס יודישע פובליקום וואלט נאך געוואלט פון איהר זייט צוהעלפען דערצו, וואלט געווען „אלרייט".

היינט, פרייטאג 9-30 אוועגד ווערט געשפילט צום צווייטען מאל די פארס-קאמעדיע אין 2 אקטען מיט א פראלאג „פאריזער לעבען"; מארגען, שבת 12 פריה צו ביליגע פרייזען „אין גארטען פון ליבע"; שבת 4 נאכמיטאג די מוזי-קאלישע קאמעדיע אין 3 אקטען „נאכט-גנבים".

זאלען מיר דעריבער בעזוכען די לעצטע אויפטריטען פון דעם אויסגע-צייכענטען אנסאמבל און דערמיט בע-ווייזען, אז מיר פערשטעהן אבצושאצען די אנשטרענגונג פון די יודישע ארטיס-טען.

וועגען פאטענטען פאר קליינ-הענדלער.

דער סעקרעטאריאט פון קליינהענד-לער-פעראיין (בערקא יאסעלעוויטשא 8) איז מודיע, אז פאטענטען אויפ'ן יאהר 1936 ווערען אויסגעקויפט פאר די מיט-גלידער אזוי ווי יעדעס יאהר דורכ'ן סעקרעטאריאט. ס'ווערען אויך ערטיילט אינפארמאציעס וועגען די יעצטיגע הנחות אויף פאטענטען.

עס ליגט דעריבער אין אינטערעס פון די מיטגלידער זיך פריהער צו אינפאר-מירען אין סעקרעטאריאט וועגען די הנחות.

די ערפאלגרייכע „קרן-תל-חי"-אקציע.

די גרויסע חנוכה-אקציע פון „קרן-תל-חי" ווערט ווייטער פארטגעזעצט. די איצטיגע אקציע איבערשטייגט פיעל-פאכיג אלע ביז-איצטיגע און עס זענען שוין געזאמעלט געווארען גרעסערע סו-מעס. צו הילף דער אקציע האבען זיך געשטעלט אלע חברים פון „אחדות ישראל", ווי אויך די עלטערע מיט-גלידער פון הצה"ר.

מיט דער אקציע ביי אונז אין שטאדט פיהרט אן דער בעקאנטער רעוויזיא-ניסטישער עסקן און גלענצענדער אר-גאניזאטאר דירעקטאר מ. קלערער.

אלע דעקלאראנטען פון „קרן-תל-חי" מוזען אומבעדינגט ליקווידירען זייערע דעקלאראציעס און התחייבות'ן. די טעג ווערט שוין די דעקלאראציע-אקציע פולשטענדיג געשלאסען.

מוטערס!

זוכט נישט קיין ביליגע געלעגנהייטען, נאר פאדערט שטענדיג אין די אפטייקען און אפטייק-סקלאדען פאר אייערע קינדער דעם בעסטען הייל-טראן

GOLD-MEDAL

נארוועגישער הייל - טראן פון דער אלוועלטליכער מארקע

GOLD-MEDAL

ענטהאלט א סטאנדארדיזירטע צאהל וויטאמינען „א" און „דע", און נעמליך 500 וויטאמינען „א" און 250 וויטאמינען „דע" אויף 1 גראם.

GOLD-MEDAL געדענקט דעריבער, נאר

wyrobu firmy Oluf Holm A|S Ltd. Aalesund (Norwegja)

w butelkach z niebieską etykietką.

אימפאזאנטע חנוכה-פייערונג אין דער שולע פון ה' ב. וויינבערג.

ווי יאהר-יעהרליך, איז אויך היי-יאהר איינגעארדענט געווארען אין דער שולע פון ב. וויינבערג א טראדיציאנעלע חנוכה-פייערונג מיט אנ'אינהאלטסרייכען פראגראם, אין דער אויספיהרונג פון די שול-קינדער.

אין א געשמאקפול-שעהן-דעקארירטען זאל, אין דער אנוועזענהייט פון א צאהלרייכען, איינגעלאדענטען עולם, עלטערן און געסט, עפענט די שול-ליי-טערין פרל. מגר. ט. וויינבערג די פייערונג. צווישען אנדערעס זאגט זי: אז זי פיהלט זיך גליקליך, אלס לייטע-רין פון א נאציאנאלער שולע, בייצו-וואוינען אזא שעהנע יודישע פייערונג. די חנ'עווידיגע-בלישטשענדע אויגען פון די קינדערלעך, זייערע שטראהלענדע געזיכטער, זאגען עדות, אז עס טליען נאך שטארק אין זייערע הערצער די פונקען פון אונזערע העלדישע גרויסע און שטאלצע מכבי'ער. איך ווינש אייך קינדערלעך — זאגט זי — אז איהר זאלט אריינזאפען אין אייערע נשמות דאס גרויסע ליכט, וואס האבען איבערגע-לאזט בירושה אונזערע גרויסע אבות.

דאן האלט א זעהר געלונגענעם רע-פעראט פראפ. ב. וויינבערג. ער שטרייכט אונטער, אז היי-יאהר פאלען אקוראט אויס צוויי גרויסע בעדייטענדע יובי-לעאומס פון יודישען פאלק: 2100 יאהר זייט די גלענצענדע נצחונות פון די מכבים און 1800 יאהר זייט דעם בר-כוכבא-אויפשטאנד. ער ווענדט זיך צו די קינדערלעך, ווייזענדיג זיי די חנוכה-ליכטלעך: זעהט, אט אין די דאזיגע פלעמעלעך האבען זיך אין משך פון טויזענדער יאהרען צונויפגעזאמעלט אהן א צאהל ניצוצות-קדושים פון די גרויסע מכבי'ער-נשמות. יאהר-איין יאהר-אויס צעפלאקערען זיך די דאזיגע פלעמעלעך וואס אמאל שטארקער און העפטיגער, זיי שטארקען אונזערע געמיטער, בע-קרעפטיגען אונזער בטחון אין א שענע-רער צוקונפט פאר'ן יודישען פאלק בכלל און פאר דער גאנצער מענשהייט בפרט; געדענקט, שפינט ווייטער די גאלדענע קייט פון אונזער גרויסער טראדיציע און זייט ווירדיגע און שטאל-צע יודען, ווי אונזערע אמאליגע מכבים.

דאן האט דער שול כאר, אונטער דער לייטונג פונ'ם דיריגענט ה' ראטענבערג, אויסגעפיהרט דעם „הדלקת-הנרות" און א רייה שעהנע העבראאישע פאלקס-לידער, וואס ס'האט געמאכט א בעצוי-בערנדען איינדרוק אויפ'ן גאנצען עולם.

א שטארקען רושם האט ארויסגערו-פען ביי אלע אנוועזענדע די העבראאי-שע רעדע פונ'ם שילער דוד קראקויער וועגען די בעדייטונג פון חנוכה און די דעקלאמאציע „החשמונאים" פונ'ם שי-לער משה ראזען.

צום סוף האבען צוויי שילער: ש. זעלקאוויטש און א. האפטקא גלענצענד אויסגעפיהרט אין דער פוילישער שפראך אנ'איינאקטער א. נ. „חנוכה אמאל און היינט". זיי זענען בעשאנקען געווארען מיט הייסע אפלאדיסמענטען.

ביי א שעהן-סערווירטען טיש מיט כל-טוב האבען די קליינע קינדערלעך געוויילט זיך עטליכע שעה אין א גע-הויבענער שטימונג. צום שלוס האט דער עולם אויסגעדריקט א דאנק דער גאנצער שול-פערוואלטונג ווי אויך די דריי ח' מוטער'ס: רייך, ראזענבערג און לענטשנער פאר זייער אפפערווילליגער צוגרייטונגס-ארבייט צו דער דאזיגער פייערונג.



WORLD-RADIO

świat w domu...

Odbiornik radjowy wysokiej jakości. — Niedościgniona wierność reprodukcji.

Kryształowa czystość tonu.

Odbiór bez anteny i uziemienia.

3 zakresy fal. 3 pentody.

Ceny przystępne. Warunki dogodne.

Zakłady Radjotechniczne „WORLD-RADIO" Spółka Komandytowa.

Salon demonstracyjny: II-ga Aleja 24. Telef. 25-75.

Sklep Optyk-Medical II Aleja 31.